UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 114- Fall 1989 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/0ff8c3pm

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 114(1)

Publication Date
1989

Copyright Information
Copyright 1989 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

סליזער

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

# 114

**AUTUMN**
**1989**

**האַרבסט**
**תש״ן**


אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כּוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

**מיר לאדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
ד״ר מאַרטין טאַפּט, פּרעזידענט

## LABOR ZIONIST ALLIANCE

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842


# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048

EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR,** Editor
469 N. Orlando, L.A. CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Coeditor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, Financial Sec'y and Administrator
337½ N. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif. 90048–Tel. 655-1292
Members: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ & J. SHAFER

Subscription price: $ 8.00 per year

# אינהאַלט


אברהם סוצקעווער: ליד — 3
שמואל איזבאַן: די פיר און צוואַנציק שעה
פון אויגוסט גייגער (דערציילונג) — 4
משה שקליאַר: לידער — 16
חנן קיעל: על קידוש היתומים, יאַנוש קאָרטשאַק —
זיין לעבן, שאַפן און אומקום — 18
מאיר חרץ: לידער — 25
משה עטינגער: לידער — 27
עקיבא פישבין: יצחק אַנטשער — אַ בן־תשעים — 28
שיע טענענבוים: דר. נחום גאָלדמאַן און "משיח" — 31
שלום שטערן: ליד — 33
חיים פּלאָטקין: ליד — 33
משה גורין: ליד — 34
לילי בערגער: די צעשיידטע (דערציילונג) — 35
חנן קיעל: לידער — 40
רבקה קאָפּע: לידער — 41
לייב מלאך: דער קאַמף צווישן אָקס און מענטש — 42
יוסף ראָגעל: לידער — 46
חיים קעניגער: לידער — 47
משה שקליאַר: דער טויט פון א "שפּאַנצער" (פראַגמענט) — 50
יצחק קאַהאַן: דוד וואלפעס "היימען, חלומות, קאָשמאַרן" — 55
יצחק קאַהאַן: משה שקליאַרס "ליד און לעבן" — 59
ישראל גובקין: קלאָרקייט און אומקלאָרקייט אין דיכטונג — 62
אברהם ברוידעס: שמואל איזבאַנס ניו־יאָרקער דערציילונגען
אין העברעאיש — 64
אַנגעקומען אין רעאַקציע — 66
משה כהן: צופרידן מיט די דערגרייכונגען — יערלעכער באַריכט
פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב — 67
שמואל ווייס ז"ל — 70
מ.ס. "יידישלאַנד" — 71
ווידערוווקס — 72
באַגריסונגען — 73 — 81

# חשבון

נומ. 114

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר
ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

פאַרוואַלטונג:
מיטגלידער:
גרשון פרידמאַן, פינ. סעקר.
און אַדמיניסטראַטאָר
נתן גראַוויטש, משה כהן
און
יעקב שייפער

45סטער יאָרגאַנג, נומער 114 • האַרבסט 1989 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


## ה'תש"ן 5750

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער**
**ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.**

**רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג**
**פון „חשבון"**

**אברהם סוצקעווער**

* * *

ווו זענען זיי די ליבלינגען פון זומער: ייִנגלעך, מיידלעך,
מיט זיסער זינד וואָס האָט ניט מורא פאַר קיין שום גן — עדן?
פאַרזיגלט איז דאָס רעטעניש, דער סוד איז אומבאַשיידלעך,
נאָר איך, דער כישוף — מאַכער, וועל דאָס רעטעניש באַשיידן:

זיי לעבן אין די ווערטער מײַנע אַ באַזונדער לעבעניש,
פאַרלוירן ווערט ניט אין די ווערטער סימינדסטע איבערלעבעניש.
אַ שאָק מיט יאָרן האָט אויף זיי קיין דעה און קיין שליטה ניט,
סיטוט אַנדערשוווּ אַחוץ אין זיי מײַן קאַרשנבוים קיין צוויטע ניט.

פון שוואַרצן מעל פון האַלבנאַכט ווערן אויסגעזיפּט מינוטן
ווען מײַנע ווערטער עפענען זיך. יעמאָלט בלויז, אָן ווערטער,
שפּאַצירן זיי אַרויס: לבנה — גייערס — לילפּוטן,
און איך דערקען די ייִנגלעך, מיידלעך, פון די גרינע ערטער.

שׂמואל איזבאַן / ניו-יאָרק

# די פיר און צוואַנציק שעה פון אויגוסט גייגער

## /דערציילונג/

### א.

דער קליינער טומלדיקער סאַלון "היידלבערג" איז אַרום פיר פאַרטאָג שוין געווען ליידיק. די צוויי טונקעלע אַלטמאָדישע לאַמטערנעס איבער דעם פראָנט — אריינגאַנג, ווי איבער אַ דאָרפישן קירך — טויער, זיינען געווען פאַרלאָשן. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיך אַרויסגערוקט די לעצטע נאַכט — געסט. דער סאַלון — אייגנטימער, אַ ברייטביינעקער מאַנסביל מיט אַ מיד, פלעגמאַטיש פּנים האָט אַראָפּגערוימט די לערע קופלעס און מיט דער היימישקייט, וואָס מען טראָגט צו אַן אַלטן שטאַם — גאַסט, האָט ער אונטערגעזאָגט דעם איינציקן געבליבענעם ביר — טרינקער:

— נו הער גייגער, צייט צו שליסן.

אויגוסט גייגער האָט אויסגעזופּט זיין ביר ביז צום דנאָ. עס איז געווען דער ניינטער קופּעל. ער האָט אַ טשמאָקע געטאָן מיט די ברייטע פליישיקע ליפּן און פויל זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם קיילעכדיקן דריי — זיץ:

— גוט, הער שטירמייער.

ער איז איצט געשטאַנען אַ קורצער און געזעצטער. זיין אונטערשטער האַלבער קערפּער איז פאַרלוירן געוואָרן הינטער דעם מאַסיוון באַר — טיש. אָבער דער אויבערשטער טייל, די פולע, אויסגעשטויסענע פלייצעס און די קאַנטיקע אָרעמס האָבן אויסגעזען ווי ער וואָלט נישט געווען אַ זאַטער זקן, וואָס האָט אַריינגעשפּאַנט אינעם טיף אַכטן יאָרצענדליק, נאָר אַ מאַנסביל אין זיין מיטליאָריקער רייפקייט. זיין אויסגעקנאָטענער גוף איז געווען נישט ווי פון בלוט און פלייש, נאָר אַ סטאַטוע געגאָסן פון בראָנדז. דער ברייטער אויסגעגאָלטער קיילער — קאָפּ האָט גערוט אויף דעם קורצן, אָנגעלאָפענעם האַלדז. די ברוינע, גלאַנציקע הויט ווי אַ שטייפער פאַרמעט, האָט איבערגעצויגן דעם נאַקעטן קאָפּ און דעם שטערנביין, די קינבאַקן און אַפילו די ברייטע נאָזלעכער. קיין שפּראָץ פון אַ האָר האָט זיך נישט אָנגעזען אויף דעם ליידיקן, פעטן פּנים, וואָס האָט געשיינט ווי אַ פּרוכטלאָז נאַקעט שטיק פעלד. אַ ווײַלע איז גייגער געשטאַנען אומבאַוועגלעך, שטאַר און קאַלט, אָבער ווען די גרויע אויגן האָבן זיך צוואַרעמט, ווען די דינע אָדערלעך אין האַלדז האָבן אָנגעהויבן ריטמיש צו צוקן און די

---

דאָס גיבן זיי סימנים: ס'וועט זיך אונדזער פרייד ניט ענדיקן,
הייסבלוטיק לעבן מיר אַ ווערטער — לעבן אַ באַשטענדיקן.
מיר לעבן אין די ווערטער דיינע אַ באַזונדער לעבעניש,
פאַרלוירן ווערט ניט אין די ווערטער ס'מינדסטע איבערלעבעניש.

*) אין שייכות מיטן 75-סטן געבוירנטאָג פונעם גרויסן דיכטער אברהם סוצקעווער ברענגען מיר איינס פון זיינע פערלדיקע לידער און ווינטשן אים נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן, עד מאה ועשרים.

רעד.

לונגען האָבן פלינקער געאָטעמט, דעמאָלט האָט עס געשלאָגן פון אים מיט דער גבורה פון אַ הערקולעס. ער האָט זיך אָנגערופן:

— גוט, הער שטירמייער, אָבער איידער כ׳גיי, מוז איך איבערדערציילן אַ וויץ, וואָס כ׳האָב היינט אויפגעכאַפּט. זייער שאַרפזיניק... זייער הומאָרפול...

דער אַכט און זיבעציק יאָריקער אויגוסט גייגער האָט פאַרדעכטיקט זיך אַרומגעקוקט איבערן סאַלון, ווי ער וואָלט נישט געטרויט די טונקעלע ווענט מיט די שפּיגלען. דאָס אויסדרוכטעניש האָט איצט געוווּנקען פון יעדן ווינקל — טישל. פון קווענקלעניש האָט דאָס פּאַרמעט — פּנים זיך פאַרקרימט. ער האָט געשעפּטשעט מער צו זיך, ווי צום סאַלון — אייגנטימער.

— אַ שיינע דעמאָקראַטיע! איידער דו עפנסט די ליפּן, מוזסטו זיך באַוואָרענען. ווי לאַנג קום איך שוין אַריין צו אייך, הער שטירמייער? פינף און צוואַנציק יאָר? דרייסיק יאָר? מען קען שוין ציילן מיינע אויסגעטרונקענע קופלעס ביר נישט מיט גאַלאָנען, נאָר מיט גאַזאָלין — טאַנקן... ניו=יאָרק האָט זיך געביטן... אַמאָל האָב איך געוווּסט אין יאַרקוויל ווער איז ווער? כ׳האָב דאָ געקענט יעדן שטאָם — גאַסט. היינט, נישט צו געטרויען אַ פרעמד פּנים... ווי דו גיסט זיך אַ דריי שטייט אַ היטער פון דעמאָקראַטיע, אַ באַשיצער פון ענגלאַנד. און זיי שנאַפּן ווי יעגער — הינט... גרייט צו הערן דעם וויץ, הער שטירמייער?

— דערציילט, הער גייגער.

— לייגט צו אַן אויער, הער שטירמייער... מיט פופציק יאָר שפּעטער זיינען רוזוועלט און טשוירטשיל מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע... זיי גייען מיטן וועג פון אַלע פאַרגענגלעכע... נאָך דעם ווי דער גרעבער טוט מיט זיי זייער רעכט, גייען זיי אַרויף אין הימל און שטעלן זיך פאַרן טויער פון גן — עדן. טשוירטשיל מיט דער טיפּישער ענגלישער חוצפה און זעלבסטמאַכט שטופּט זיך פאָרויס צום אַריינגאַנג. רוזוועלט בלייבט הינטער אים. עס קומט אַרויס דער הייליקער פּעטער.

— וואָס ווילסטו?

— כ׳וויל אַריין אין גן — עדן — פאָדערט טשוירטשיל.

— נישט דו, מענטשן — קינד. צופיל שלעכטס האָסטו געטאָן אויף דער ערד — זאָגט דער הייליקער פּעטער.

— איך בין ווינסטאָן טשוירטשיל — גיט זיך דער ענגלישער מאַכט — האָבער צו דערקענען — דער באַהערשער פון אַלע ימ׳ען, דער רעגירער איבער קאָנטינענטן!

— כ׳ווייס — ענטפערט קאַלט דער הייליקער פּעטער — מיר האָבן דיין רעקאָרד. דו באַלאַנגסט נישט אַהער.

— איך האָב געראַטעוועט אייראָפּע פון אונטערגאַנג — פּראָטעסטירט טשוירטשיל

— כ׳האָב אויסגעלייזט די וועלט פון דער גרעסטער קאַטאַסטראָפע. כ׳האָב זיך געראַנגלט מיט דעם מוראדיקסטן מענטשן — פיינט...

— כ׳ווייס. דו געהערסט צום לאַגער פון די אומגערעכטע.

רוזוועלט, וואָס שטייט הינטער טשוירטשילן אַן אויפגעקאָכטער, האַלט מער נישט אויס וואָס מע פאַרשעמט זיין פריינד און ער צעשרייט זיך:

— צעברעך דאָס פאַרדאַמטע טויער, ווינין, איך וועל פאַר דעם שאַדן באַצאָלן...

דער סאַלון — אייגנטימער האָט זיך קיילעכדיק צעלאַכט. אויגוסט גייגער האָט מיטגעלאַכט. זיין געלעכטער איז געווען פאַרשטיקט, איינגעהאַלטן ווי די איינגעהאַלטנקייט, וואָס מען ווייזט אַרויס ביים געניסן אַ פאַרבאָטענעם פאַרגעניגן. ער האָט שאַרף זיך איינגעקוקט אין דעס סאַלון — אייגנטימערס פּנים, ווי וועלנדיק

אַרויסקריגן אַ באַשטעטיקונג, אַז יענער קען פאַרדייען הומאָר. "אזוי און אזוי הער שטירמייער, דאָס איז די איינטיילונג. ענגלאַנד וועט שעדיקן, ענגלאַנד וועט פאַרניכטן און אָנקל סעם וועט פאַר אַלץ באַצאָלן...

גייגער האָט איבערגעלאָזט אויפן טיש טרינק — געלט, דריי אָפּגעפּוצטע ניקלס און איז אַרויס פונעם סאַלון.

אויף דער גאַס איז דער טעם פונעם וויַן נאָך געלעגן אויף זיין גומען. דער שאַרפזין האָט אים געהאַלטן אין אַ מונטערן צושטאַנד. ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער צווייטער עוועניו. ס'איז געווען קיל. פייכטע ווינטלעך, ווי דער אָנזאָג אויף אַ רעגן, האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט, כאָטש דער הימל איז געווען ריין, אויסגעקלאַפּט מיט שטערן. די אַרומיקע געשעפטן פון קליידער, שוכוואַרג, דאַמען — טאַשן און ביכער — קראָמען זיינען געווען פאַרהעמערט. בלויז דאָ און דאָרט זיינען די שוי — פענצטער פון אַ פאָטאָגראַפישער סטודיאָ צי די נעאָן — שילד פון אַ ביליאַרד — שטוב, געווען באַלויכטן.

דער נאַכט — שפּאַציר האָט אויף גייגערן געווירקט צום גוטן. עס איז געווען אַן אָטעם — פּויזע צווישן זופן דאָס ביר און זויגן די לופט.

די פיר און צוואַנציק שעה אין מעת — לעת זיינען ביי גייגערן געווען איינגעשטעלט לויט אַן אויסטערלישער פּראָגראַם. ער איז אין קעגנזאַץ צו די אַנדערע מיטווינער פון זיין קרייז אין יאָרקוויל, געשלאָפן בייטאָג און געווען וואַך ביינאַכט. און כאָטש זיין לעבנס — פירונג האָט געהאַט אַ פאַרקערטן סיסטעם, האָט דאָס אָבער נישט אָפּגעשוואַכט זיינע לעבעדיקע רעזערוו — כוחות, מיט וועלכע ער האָט דורכגעפירט זיינע טעגלעכע, רוטינע פונקציעס.

קיין גרויסע אויפגאָבן האָט גייגער דורכן מעת — לעת נישט געדאַרפט דורכפירן. זינט ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין יאָרן — לאַנגער שלאָסער — אַרבעט, האָט ער אָנגעהויבן צו קוקן אויף דער וועלט מיט קילער לעבנס — דערפאַרונג. די טעג האָבן זיך איצט געצויגן איינער ענלעך אויפן צווייטן. זיינע לויפנדיקע באַשעפטיקונגען אָן פּלאַן, אָן אינהאַלט זיינען געווען מער צוליב באַוועגלעכקייט איידער צוליב צוועקמעסיקייט. און גייגער האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין אַרבעט ערשט אין די שפּעטע זעכציקער. ביז דעמאָלט איז ער געווען אַ פלייסיקער מייסטער — שלאָסער. זיין ווערקשטעל האָט געהאַט אַ נאָמען אין יאָרקוויל, אַרום די אַכציקער גאַסן. יעדע רעפּאַראַציע, יעדע באַשטעלונג האָט געהאַט דעם צייכן פון אַ געניטן פּרייסישן מייסטער. דאָס האָט אים געהאַלטן שטענדיק פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. דערצו האָט זיין פּעדאַנטישקייט און אויך דאָס וואָס ער איז געבליבן אַן אלטער בחור. אים געהאָלפן לייגן אַ סך אַכט אויף זיינע אָפּשפּאָרונגען. צו זעכציק יאָר האָט גייגער געהאַט אָנגעזאַמלט אזויפיל געלט, אַז ער איז אומשטאַנד געווען צו קויפן צוויי פאַרמס מיטאַמאָל אין פּענסילוואַניע און ווערן דאָרט, פּונקט ווי זיין ברודער, אַן ערד — באַזיצער. ער האָט אָבער אָפּגעשטויסן דעם איינפאַל. ער האט נישט געוואָלט פאַרלאָזן ניו — יאָרק. ער האָט ליב געהאַט דאָס היימישע יאָרקוויל. די זעלבע שטאָט, וואָס האָט אים געהאַלטן איינגעשפּאַנט פערציק יאָר ביים ווערקשטעל, האָט ער געוואָלט אויסנוצן פאַר פאַרגעניגן און צייט — פאַרטרייב. זיינע אויפגעראָיעטע בענקשאַפטן נאָך פּרייסן האָבן אין אים אויפגעוועקט אויף דער עלטער אַ היימאַט — פּאַטריאָטיזם. און ווען די צווייטע וועלט — מלחמה, האָט אין ניינצן ניין און דרייסיק אויסגעבראָכן, האָט גייגער געקויפט אַ פינף — שטאָקיק הויז אויף ריווערסייד — דרייוו — אַ פאַרזאָרגונג און דערנערונגס — קוואַל פאַר די רעשט יאָרן. פאַרוואַלטן דאָס הויז האָט ער איבערגעגעבן אַ טיכטיקן אַדוואָקאַט. אַליין האָט ער זיך איינגעקוואַרטירט אין אַ מעבלירט צימער, ווו די הויז — ווירטין, וועלנדיק מונטער מאַכן

זיינע איינזאַמע שעהן, האָט אים באַזאָרגט מיט אַ היימלעכן קאַנאַריק און צוויי גוט — דערצויגענע הינט.

אין גייגערס פריערדיקע, פאַרלאָפענע יאָרן איז יעדער טאָג געווען אָנגעלאָדן מיט אַרבעט, יעדע שעה — פול מיט טואונג. איצט זיינען געקומען צייטן ניכטערע, אָפּגעקילטע. אין די לויפנדיקע טאָג — געשעענישן האָט ער געזוכט פאַרווײַלנדיקע איפּרעגונג און צעשטרייאונג.

גייגער איז שטיין געבליבן פאַר אַ ראָג — גאַס, וווּ ס׳איז געפאַלן דער שיין פון אַ הויכער סלופּ — לאָמפּ. אַרויסנעמענדיק פון זיין פולאָווער — טאַש די ביינערנע ליולקע, וואָס האָט אים שוין געדינט פערציק יאָר, האָט ער זי גוט אויסגעקלאַפּט אינעם לאַמטערן — סלופּ, דערנאָך אָנגעשטאָפּט דעם קוימען מיט פרינץ — אלבערט — טאַבאַק און פאַררויכערט.

ער האָט איצט געוואָלט אויסמיידן דעם גרין — אילומינירטן האָטעל ״רהיינלאַנד״ אין עק בלאָק, וואָס ער מוז פאַרבייגיין יעדעס מאָל אויף זיין נאַכט — שפּאַציר. אין דער צעפליגלטער דריי — טיר פונעם האָטעל שטייט פאַרשטעקט מאַרגאַרעט, דאָס טומלדיקע יאָרקווילער גאַסן — מיידל. זי וואַרט אויף יעדן שיכורן פאַרבייגייער, צו מאַכן אים איר לעצטן נאַכט — אָנבאָט. ווי נישט דערפאָלגרייך מוז מאַרגאַרעט זיין, אויב זי מוז אָנקומען צו פאַרקויפן ליבע — שעהן צו אימפּאָטענטע זיבעציק — יעריקע!

זיבעציק — יעריקע? — איז גייגערן דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — פון ווען אָן זיינען זיבן צענדליק יאָר אַ לאַסט פאַרן קערפּער? פון ווען אָן איז אַ רייפע פרוכט אַ פאַרשעמונג פאַרן בוים? ער, גייגער אַליין, איז אַן אָפענע פאַרלייקענונג פון אַזאַ פאַרדאַכט. ער איז אַ קעגנזאַץ צו אימפּאָטענץ. זיין גוט — אויסגעקלאַפּטער קערפּער איז אַ רעזערוואַר פון קוועלנדיקע זאַפטן. אַ נעץ לעבנס — שטראָמען. סטאַבילע, אומאויסשעפּלעכע קרעפטן ריזלען זיך ווי בלוט — ריטשקעלעך דורך זיינע ביינער, ווייל ער האָט געוווסט ווי צו לעבן, ווי צו פיטערן זיין רוקנביין, וואָס איז באַדעקט מיט פלייש און בלוט פון אַ געזונטער, לעבנס — שטאַרקער ראַסע.

אויגוסט גייגער האָט זיך איבערגענומען מיט זיין רייפן עלטער, ווי מיט אַ גוט אויסגעשטאַנענער, פאַרמאַכטער נוס. ער איז ריין, אָן דעפעקטן. די נאַטור — ענטוזיאַסטן פריידיקן אַ צוריקקער צו ערד, צו לאַנד — לעבן און ער, לעבט זיינע לעצטע פופציק יאָר אין דער שטאָלענער ניו — יאָרק, צווישן בעטאָן — מויערן, גראַניט — ווענט און אַטפאַלט — ברוקן.

אזוי טראַכטנדיק איז ער געגנווילִיק צוגעקומען צום גרין — אילומינירטן האָטעל ״רהיינלאַנד״. אין דער פאַרגלאָזטער דריי — טיר איז מאַרגאַרעט נישט געווען. דער האָטעל — פאָרטער, אַ בלאָנדער, גוט־אויסגעקנאָטענער מאַן, האָט, שפריצנדיק פון אַ גומענער קישקע שטראָמען וואַסער, געוואַשן דאָס שטיק טראָטואר פאַרן אַריינגאַנג. ער האָט באַגריסט דעם פאַרבייגייער:

— גוט מאָרגן, הער גייגער.

— העלאָו האַנס! — האָט גייגער אַ צופרידענער זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל, גרייט צו פאַרפירן אַ שמועס.

— איר איילט זיך אַ היים, הער גייגער? — האָט דער פאָרטער דער ערשטער אָנגעהויבן.

— כ׳אייל זיך נישט, האַנס. כ׳אייל זיך גאָרנישט. און צו וואָס זיך איילן? די הויזפרוי וועט מיר נישט אַנטקעגנגיין מיט אַ בעזעם...

— נאָך אַלץ צופרידן מיט אייער ווייבלאָז לעבן? — האָט דער האָטעל — פּאָרטער געשמייכלט — צופרידן וואָס איר זייט פריי? דאָס מיינט אָבער נישט, אַז איר דאַרפט נעכטיקן אויף די יאָרקווילער גאַסן. אין אייער עלטער, הער גייגער, איז רו אין די נאַכט — שטונדן וויכטיק...

— דומהייט! אומזין! — האָט גייגער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און האַסטיק געגומען זויגן די ליולקע — כ׳גלייב נישט אין די פּאָרשריפטן, וואָס מען האָט צוגעגרייט פאַר דעם מענטשלעכן קערפּער. דאָס וויכטיקסטע, אַז די קאָנסטיטוציע איז שטאַרק... דאָס סיסטעם אַרבעט אָרגאַניזירט... און ווייסט אין וואָס מיין טעגלעכע דיעטע אין די לעצטע פופציק יאָר באַשטייט? שוויין, קאַלבסבראָטן און ביר. פופצן גלעזער ביר אין פיר און צוואַנציק שעה! גאָרנישט מער, ווי ביר! יאָ, און לײדיק זיין האָט אויך עפּעס צו טאָן מיט מיין געזונטער קאָנסטיטוציע... נישט באַלעסטיקט זיין פון אַ ווייב... כ׳האָב דאָס צו פאַרדאַנקען מיין ווייבלאָזיקייט, ׳מיין גרויזאַמער ווייבלאָזיקייט... כע — כע — כע — כע...

— האָט איר טאַקע גאָרנישט פאַרלוירן אָן אַ הויז — ווייב?

— פאַרלוירן? געשווינט האָב איך זיך, האַנס. געשווינט זיך גאַנצע אַכט און זיבעציק יאָר! אַז ס׳איז דאָ אַ ווייב, קומען קינדער. און וואָס וואָלט היינט פון זיי געוואָרן? שוואַכזיניקע דעמאָקראַטן, וואָס וואָלטן געדינט אין אָנקל סעמס אַרמיי, וואָלטן געגאַנגען קעמפן פאַר ענגלאַנד... יאָ, געלעגנהייטלעך — האָט גייגער זיך צוגערוקט נענטער צום האָטעל — פּאָרטער, גרייט עפּעס צו פאַרטרויען — כ׳וועל דיר דערציילן דעם לעצטן וויץ וועגן ענגלאַנד. כ׳האָב היינט עס אויפגעכאַפּט אין סאַלון... זייער הומאָרפול, זייער שאַרפזיניק... גרייט צו הערן, האַנס?

אַ הויכער פּאָליסמאַן אין זיין שווערן בלויען ראָק, מיט זיין רעכטע האַנט פאַרלייגט איבערן קלאָב, איז מיט זאַכטע, געמאָסטענע טריט פאַרבייגעגאַנגען פאַרן האָטעל. גייגער, וואָס האָט שוין געעהאַט געעפנט דאָס מויל, האָט אין פאַרלעגנהייט פאַרקלאַפּט זיינע יאַסלעס, אַראָפּגעשלונגען די סלינע און זיך דערווייטערט.

אָפּציענדיק פון דעם האָטעל ״רהיינלאַנד״, האָט גייגער געשפּרייזט אין דער ריכטונג צום טייך. דער גאַנג נאַכט איין, נאַכט אויס פאַרביי די זעלבע גרויע בלאָקן האָט געפירט צו דער דריטער עוועניו, ווו אין די זייטן געסלעך זיינען אויסגעשטעלט טונקל — באַלויכטענע ״סיידער — שטובן״.

אויגוסט גייגער טוט אויסמיידן די ״סיידער — שטובן״. דער סיידער, וואָס מען פאַרקויפט דאָרט, איז אַ פליסיקייט געצויגן פון עפּל — זאַפטן. אַזאַ טרונק — שטובע איז נישט קיין צוציאונגס — אָרט פאַר מענער מיט נייגונגען צו ביר און ניקאָטין. און גייגערן דאַכט זיך, אַז גראָד פון די אומשולדיקע טרונק — שטובן יאָגט אַ פאַרדאַכט. הינטער די זיסע האָניק און מעד — פליסיקייטן באַהאַלט מען פאַרבאָטענע זאַכן. ערשט אַרום פאַרטאָג ווערט דאָרט טומלדיק. עס שיטן זיך אַריין רזיקאַנטן, איינשטעלערס, פּיפּיקע באַנדיטן און גריבענע נאַרקאָטיק — הענדלער — דאָס אָפּפאַל פון יאָרקוויל. אָנשטאָט סקאָטש דערלאַנגט מען מעד, אָנשטאָט דזשין שלאָגט מען פאַר עפּל — זאַפט. און אַלע באַר — באַדינערינס זיינען מיידלעך. מיידלעך רויטהויטיקע, מיידלעך בלאָנדע, מיידלעך שוואַרץ — צעפּיקע, מיידלעך ווי געפעלשטע קינסטלעכע בלומען. זייערע אויגן זיינען פאַרפירערישע, זייערע שמייכלען פאַרדעכטיקטע. יעדעס געטראַנק ווערט באַגלייט מיט אַ פייערדיקן בליק — אַ צוזאָג אויף פאַרבאָטענע פאַרגעניגנס.

גייגער באַשולדיקט נישט די מיידלעך, די אַרויסגעשטויסענע פאַרבאַהאַלטן זייער פּראָפעסיע הינטער דעם פאַרהאַנג פון די סיידער — שטובן. דער מעיאָר פון ניו=יאָרק איז שולדיק. קיין אָרדענונג אין דער ריזיקער שמעלץ — טאָפּ — שטאָט! די סיסטעם דאָ

שטינקט ! ניו=יאָרק, די שטאָט פון מיליאָנען, וואָס איז פול מיט רעקעטירס, געמבלערס, מיט פאַרברעכן און זינד, ווערט פרום ווען עס קומט צו רעגולירן דאָס פּראָבלעם פון די אַרויסגעשטויסענע מיידלעך. אין דייטשלאַנד איז די פראַגע געלייזט. די באָרדעלן זיינען דאָרט אַ סאָציאַלע נויטווענדיקייט, פונקט ווי די שטאָט — בעדער.

ניו — יאָרק האָט נישט קיין רויטע ליכט — קוואַרטאַלן. און די היפּאָקריטישע שטאָט — טאַטעס מיט זייערע געזעצן און באַוואָרענישן קעגן אויסגעלאַסנקייט, טרייבן די פריילעכע מיידלעך צו עפענען אַזעלכע זינדיקע נעסטן.

אָפּגעמאַכט זיין מיינונג וועגן די ניו — יאָרקער שטאָט — טאַטעס, האָט גייגער געוואָרפן איצט אַ בליק אויף דער ערשטער סיידער — שטובע, וואָס ער איז פאַרבייגעגאַנגען. אין שוי — פענצטער זיינען אויף אַ שנור געהאָנגען קאָלירטע באַלאָנען. אויף דער גרינער שויבן — טיר איז געווען אויסגעמאָלן אַ פעטער ביר — זויפער מיט אַ פּאָר בלאָנדע וואָנצעס, אין אַ פּאָר שטייערמאַרק — הויזן און אויפן קאָפּ אַ טיראָלער היטל מיט אַ גרינער פעדער. די טיר איז געווען האַלב — אָפן. אַ קאָפּ האָט אַרויסגעשטעקט פון אינעווייניק. דאָס איז געווען עריך שפּאָלנאַגל, דער אייגנטימער פונעם שכנותדיקן שיינהייט — סאַלאָן. ער האָט דערזען גייגערן און אים געצויגן פאַר אַן אָרעם :

— ביטע, הער גייגער, טרעט אַריבער. צוזאַמען וועלן מיר האָבן מער שפּאַס.

— ווער זוכט שפּאַס ? — האָט גייגער זיך נישט געלאָזט אַריינשלעפּן אין דער סיידער — שטובע — געגנוג היינט זיך אָנגעשפּאַסט ! איבעריקנס, מיך לאָקט נישט דער ווייבערישער געטראַנק. איך באַלאַנג נישט צו אייער באַנדע און כ׳האָב אויך נישט צו טאָן מיט די נאַכט — פייגל.

— הער נאַר, ווער עס רעדט ! דער עלטסטער נאַכט — וואַנדלער פון יאָרקוויל ! — האָט עריך שפּאָלנאַגל זיך צעלאַכט — איר, הער גייגער, מיט אייער ווירדע, מיט אייער אָנזען קענט זיין דער נאָבעלער וואַכמייסטער איבער אַלע נעסטן פון די נאַכט — פייגל. טרעט אַריבער אָנקל גייגער, טרעט אַריבער, מיר וועלן פייערן מיציס געבורטסטאָג.

— ווילקאָמען ! ווילקאָמען ! — האָט פון אינעווייניק זיך געהערט אַ מיידלש ליאַרעמדיק קולעכל. באַלד האָט אין טיר זיך באַוויזן מיצי אין אַ רויט — סאַמעט קלייד מיט אויסגעשניטענע אַקסלען. איר קרענקלעך, ווייס פּנים איז געווען איינגעראַמט מיט קענודזשערס אַש — בלאָנדע האָרן די אָנגעשאַרפטע ברעמען זיינען געווען שפּיציק און קראָען — שוואַרץ. זי האָט, איינלאַדנדיק, צוגעוואָרפן גייגערן אַ פאַרשייטן בליק. אָבער אָנשטאָט דער בליק זאָל אים אַריינרופן, האָט עס אים צוריקגעהאַלטן.

— ווילסט מיר אָפּזאָגן, אָנקעלכען ? — האָט מיצי אים גענומען אונטערן אָרעם און אַ גלעט געגעבן מיט צוויי פינגער זיין האַרטע גאָמבע — ביסט מיין גאַסט. און אַ געהויבענער גאַסט, אָנקעלכען ! ווי די אייגנטימערין, לאַד איך דיר איין טרינקען כאָטש איין גלאָז צו מיין געבורטסטאָג.

— רוף מיך נישט אָנקלכען — האָט גייגער זיך געווערט — כ׳האָב פיינט דיין סיידער — שטובע ! כ׳פאַרטראָג נישט דיין עפּל — זאַפט און כ׳ליב אויך נישט די זיסע קוואַטשנעמען... האָסט עפּעס מער צוציענדיקס ?

מיצי האָט אים איינגערוימט אויפן אויער.

— מען וועט זינגען רהיין — לידער, אָנקלכען... מען וועט שפּילן די ״לאָרעליי״... גייגער, וואָס איז אַ מינוט צוריק דורכאויס באַשטאַנען צו בלייבן אין דרויסן, האָט איצט נישט געקענט זיך קעגנשטעלן דער צוררינגלעכקייט, און אַ קווענקלדיקער זיך געלאָזט אַריינפירן. וואָס דער ווייבערישער וואָפן האָט נישט געקענט באַוויזן, האָט אויסגעפירט

דער צוזאָג, אַז מען וועט שפּילן די "לאָרעליי". די רהיין — לידער, ווי די רהיין — לידער, אָבער פֿאַר דער "לאָרעליי" ווערט גייגער וואַנזיניק. די מעלאָדיע פֿירט אים צוריק צום אומפֿאַרגעסלעכן היימאַט — טייך. עס עפֿנט בײַ אים אַלע קוואַלן פֿון בענקעניש און דערמאָנונג. דאָס איז אויך אַן אָפּרו נאָך די טומלדיקע, ליאַרעמדיקע טראָמפּייטער — אָרקעסטערס, וואָס גרילצן אַרויס פֿון די ניו — יאָרקער שפּיל — הייזער און שענקען. און וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגלייך קען שוין זײַן צווישן דער זיסער פּרייסישער מוזיק און דעם קוויטשיקן דזשאַז, וואָס באַגלייט די קאָפּ — שווינדלענדיקע דזשיטערבאָג — טענץ?

אינעווייניק האָט גייגערן אַרומגערינגלט אַ האַלב טוץ מיידלעך, וואָס האָבן געטראָגן אויף די קעפּ פּאַפּירענע, קאָלירטע מיצן, ווי זיי וואָלטן געפּייערט ניי — יאָר. צוויי האָבן פּיבערדיק גערויכערט און אין דערזעלבער צייט געזויגן פֿון שטרויען, אַרײַנגעשטעקטע אין פֿלעשלעך. די איבעריקע האָבן קוויטשענדיק אָנגעקלאַפּט גלעזלעך וויסקי. זיי האָבן אַראָפּגעצויגן דעם טרונק מיט איין שלונג און זיך געוווּנטשן.

— וואָהל!

— אונדזער אָנקל גייגער!

מיצי האָט געהאַלטן וואָרט. צוליב גייגערן האָט זי באַשטעלט בײַם פֿידל — שפּילער, ער זאָל אויסשפּילן די "לאָרעליי". דער פֿידלער מיט אַ פּאָר אויפֿגעראָלטע וואָנצעס ווי בײַ אַן אַלטמאָדישן איטאַליענישן פֿריזירער איז צוגעגאַנגען צום ווינקל, וווּ עס איז געשטאַנען אַ פּוס — האַרמאָניע, אַרײַנפּאַסנדיק אַן עק פֿון דער פֿידל הינטער דער גאָמבע, האָט ער גרימפּלענדיק אָנגעצויגן די סטרונעס. עריך שפּאָלנאַגל, דער אייגנטימער פֿונעם שכונהדיקן שיינהייטס — סאַלאָן האָט פֿלינק פֿאַרנומען זײַן אָרט בײַ דער פּוס — האַרמאָניע און באַלד האָבן די טענער פֿון דער "לאָרעליי" אָנגעפֿילט די סיידער — שטוב מיט אַ זיסן, פֿאַרבענקטן אומעט.

אונטער די קלאַנגען פֿון דער "לאָרעליי" האָט גייגער געלאָזט מיט זיך אַלץ טאָן. די מוזיק האָט, ווי באַלזאַם, איצט געקילט דאָס אָנגעבריטע לײַב. ער האָט פֿאָלגנדיק אָנגענומען יעדן אָנבאָט. ער האָט געהאָרכזאַם אַרײַנגעצויגן איין וויסקי נאָכן צווייטן, כאָטש אויס פּרינציפּ האָט ער נישט גענוצט דעם בּרענענדיקן געטראַנק. די ריטמישע נאָגנדיקע טענער האָבן אים צעוואַרעמט און נישט געמאַכט אים באַמערקן, ווי אַ פּאָר דינע ווייסע הענט מיט רויטע, מאַניקירטע נעגל טוען געהיימנישפֿול מישן פֿאַר אים בּיר מיט שערי — בּרענדי, מיט סקאָטש. דער באַר — טענדער — אַ דיק, פֿליישיק מיידל מיט אָנדולירטע רויטע האָר און שאַרפֿע בּויגן — בּרעמען, האָט ווילעריש זיך אַרויפֿגעזעצט אויפֿן ראַנד פֿון באַר — טיש. זי האָט אויפֿגעהויבן איר קליידל איבער די קני און זיך פֿאַרנומען מיט דער נישט — דיסקרעטער באַשעפֿטיקונג — אויפֿשלייפֿן איר זאָקן — בענדל. דערנאָך האָט זי אַרויסגעצויגן פֿונעם פֿולן, צעעפֿנטן בּוזים אַ קליין מאַט אַלומיניום — פֿלעשל ווי אַ פּאָרט — סיגאַר, אויפֿגעפּראָפּט דאָס פֿלאַטשיקע העלדזל און ווי אַ טייערן, קאָסטבאַרן נעקטאַר געגאָסן טראָפּנווײַז דעם דזשין גלײַך אויף גייגערס ליפּן.

די מיידלעך אין די קאָלירטע פּאַפּירענע מיצן האָבן, אונטערשפּרינגענדיק, געקייכט פֿון געלעכטער.

אויגוסט גייגער האָט נישט פּראָטעסטירט. צי פֿון פֿוילקייט, צי פֿון אָנמעכטיקייט זיך קעגנצושטעלן, אָבער זײַנע אויגן האָבן זיך גענומען קלעפּן פֿאַר דער צייט. אַ מידקייט, וואָס מאַכט שווער דעם קערפּער, האָט אים געצויגן זיך צו זעצן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַן אויסגעבעטעט בענקל, וואָס מיצי האָט אים אונטערגעטראָגן. פֿון

וואָנען נעמט זיך די מידקייט? פון צופיל טרינקען? פון אַ בּאַגער נאָך שלאָף? ער האָט דאָך ערשט אָנגעהויבּן צו זופן! און די פליסיקייט איז זיס ווי לייכטע קינדער — מעדיצין. אויף די שלעפעריקייט איז נישט אין צייט. זיינע שלאָף — שעהן הויבּן זיך ערשט אָן ארום האַלבּן טאָג. הויבּ זיך אויף, גייגער! וואַקל זיך נישט, גוטבּאַזיצער פון יאָרקוויל! — האָט ער אַריינגעציילט אין זיך איין פאָרוורף נאָכן צווייטן, און זיך אָנגעשטרענגט צו שטעלן אויף די פיס — וויז זיי, די פלאַטער — מיידלעך, אַז דו בּיסט שטאַנדהאַפטיק... מוזיק און דזשין האָבּן קיין ווירקונג נישט... קענסט זיך האַלטן אויף די אייגענע פיס, גייגער, דאַרפסט נישט קיין אונטערשטופערס...

די פּוס — האַרמאָניע, בּאַגלייט פון די פידל — טענער, האָט אומעטיק גענאָגט מיט דעם איינטאָניקן ריטם, פונקט ווי די טראָפּנס דזשין, וואָס זיינען איינצלווייז געפאַלן אויף זיינע ליפּן.

...וואָס זאָל דען דאָס בּאַדייטן,
אַז איך אַזוי טרויעריק בּין? —
איין מערכען פון אוראַלטע צייטן — — — —

גייגער האָט נישט בּאַוויזן אויסצוציען די קני, ווי אַ שאַרפער שניידנדיקער אַקאָרד, ווי דער פייפנדיקער שמיץ פון אַ בייטש, האָט אָפּגעשטעלט דאָס שפּילן די לאָרעליי. לעבּן גייגערן איז איצט געשטאַנען דער פידל — שפּילער מיט די אויסגערעדלטע וואָנצעס און זיך פאַרנויגט ווי אַן אקטיאָר. בּאַטויבּט ווי ער איז געווען, האָט גייגער גוט געוווּסט, וואָס דאָס מיינט. ער דערקענט די פייגל לויט זייערע פעדערן. דער שפּאַס ווערט איצט ווערטפול. מען האָט אים אַריינגעקריגן. די לייכטזיניקייט איז קאָסטבּאַר. איצט וועט זיך אין אים ראַנגלען די לוסט נאָך פאַרשווענדערישקייט און דער ווילן צו צוימען זיין בּרייטע האַנט. אָבּער זיין גרויסמוטיקייט, די פּרייסישע גרויסמוטיקייט וועט זיגן...

גייגער האָט אַרויסגענומען דעם פּאָרטפעל. עס האָט אים נישט געאַרט, וואָס דאָס רעדל אַרום אים האָט זיך פאַרדאָפּלט. מיט צוויי פינגער האָט ער געצויגן איינצלנע גרינע דאָלאַר בּאַנקנאָטן, איינס נאָכן אַנדערן און זיי געטיילט צו די אויסגעשטרעקטע הענט.

— דאָס איז פאַרן דזשין, און דאָס איז פאַרן סקאָטש. און דאָס איז פאַר דער "לאָרעליי".

— — —

פאַר זיין בּרייטהאַרציקייט האָט ער איצט פאַרלאַנגט בּאַקוועמלעכקייט. ער האָט זיך נאָכגעגעבּן דער מידקייט און איז שוין האַלבּ געלעגן אינעם אויסגעבעטן שטול, די פאַרלאָשענע ליולקע אויף דער קני. זיינע אויגן — דעקלעך האָבּן זיך מער נישט געוויגט אַרויף און אַראָפּ. זיי זיינען געווען געשלאָסן. אין די אויערן האָבּן נאָך געליאַרעמט די אויסגייענדיקע נאָכטענער.

...וואָס זאָל דען דאָס בּאַדייטן,
אַז איך אַזוי טרויעריק בּין?
איין מערכען פון אוראַלטע צייטן — — — —

מיצי, וואָס איז געהאַט פאַרשוואונדן בּיים שפּילן די "לאָרעליי", האָט זיך איצט בּאַוויזן, פירנדיק אַ מאָגערן מאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַקראָבּאַט. דער מאַן האָט געהאַט אַ שוואַרץ — געקרייזלטן קאָפּ, אַ פּאָר פלינקע, לויפנדיקע אויגן און אַ מעכטיקע נאָז, וואָס קען שנאַפּן אויף מיילן: ווו ס'ליגט גליק און ווו געפאַר. ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם אויסגעשעפּטן, שלאָפנדיקן גייגער.

— ווער איז דער זויפער? — האָט ער געפרעגט.

— דאָס איז אונדזער גוטבּאַזיצער פון יאָרקוויל — האָט מיצי געשמייכלט — איר

האָט זיך נאָך נישט באַגעגנט? אָנקל גייגער! — האָט זי געוועקט דעם גוטבאַזיצער — באַקענט מיין פריינד, רודאָלף שולטע. אַ גאַסט אין יאָרקוויל.

גייגער האָט נישט געענפֿנט די אויגן. זיין גאָרגל האָט געכראָפּעט ווי אַ שניידנדיקע זעג.

רודאָלף שולטע האָט פלינק באַטראַכט גייגערן און באַשטעטיקט:

— כ׳זע שוין, ער איז פול מיט סקאַטש. ער האָט געוויס דורכגעמאַכט אַ געוועט מיט אייך זויפערס, ווער עס וועט מער קענען אַריינגיסן. דאָס געוועט האָט ער טאַקע געוווּנען, אָבער די שפּראַך האָט ער פאַרלוירן...

עריק שפּאָלנאַגל, דער אייגנטימער פון דעם שיינהייטס—סאַלאָן האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט דעם אַריינגעקומענעם.

— העלאָ אָלדטיימער! אלטער צויבערמאַן! וועמען זע איך דאָ? רודאָלף שולטע מיט די ביינער! ווו האָסטו זיך אַרומגעשלעפּט דעם גאַנצן זומער? און וואָס איז דיין באַשעפטיקונג איצט? דו ווייזט ווידער מאַגישע קונצן? אַ קאָרטן—וואַרפער? צי אַ ווייבער—יעגער?

— כ׳גנבע פרעמדע געוויסנס...

— דער זעלבער אַלטער שפּאַס—טרייבער! — האָט עריק אַ גליקלעכער אים געקלאַפּט איבער די פּלייצעס. ער האָט זיך צעלאַכט, צופרידן געווען וואָס אַלע לאַכן מיט און זיך אָנגערופן:

— דאָס איז נישט גנבה, רודאָלף. דאָס זיינען ספּאָרט—אַוואַנטורעס. סעאַנסן פון אַ האָקוס—פּאָקטסניק. עס איז אַ טייל פון דיין פּראָגראַם צו דעמאָנסטרירן מאַגישע שטיק. און אַז דו גנבעסט פרעמדע געוויסנס, רייסטו אויס שטיקער נשמות... וועסטו אויך קענען אַמוזירן אונדז דאָ, אין יאָרקוויל. און שוין איצט. אַכטונג! — האָט עריק אַ פּאַטש געטאָן די הענט, און זיך געווענדט צום רעדל — רודאָלף שולטע וועט פאַר אונדז דורכפירן אַ סעאַנס פון היפּנאָז. ווער וויל זיין דער מעדיום? ווער גייט פרייוויליק?

— מיך וועט ער נישט קריגן! מיך נישט! — האָבן די מיידלעך געשריען.

— אויך נישט מיך! — האָט מיצי זיך אָפּגעטרייסלט — פאַר אַלץ קען מען מיך קריגן, נאָר נישט פאַר אַ מעדיום. כ׳האָב פיינט צו ווערן איינגעשלעפערט. דער לעטאַרגישער שלאָף איז פונקט ווי דער טויט.

שולטע, צופרידן וואָס ער איז געוואָרן דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט, האָט איצט אויסשפּירעריש זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געשיקט זיינע פלינקע לויפנדיקע אויגן איבער אַלע ווינקלען פון דער טרונק—שטוב. ער האָט אַ צי געטאָן זיין מעכטיקע נאָז פאָרויס, שנאַפּנדיק רעכטס און לינקס און געזאָגט:

— איך האָב אַ מעדיום.

די אויפגעלייגטע געסט האָבן זיך צוזאַמענגערוקט נענטער. אין זייער נייגעריקייט צו דערגיין ווער דער מעדיום איז, האָבן זיי נאָכגעפאָלגט יעדן קער זיינעם, ווי מען פאָלגט נאָך די באַוועגונגען פון אַ שוואַרצקינצלער. מיצי איז זיכער געווען, אַז שולטע וועט ציען פון זיין בוזים אַרויס טויבן, פייגל, וועוויאָרקעס... ער וועט איינשלינגען אַ שווערד, אַ ברענענדיקן פאַקעל... ער וועט פאַרדרייכערן ציגאַרן דורך די אויערן, שלעפּן גאָלד—שטיקער פון די נאָז—לעכער.

דערווייל איז שולטע, מיטן פּנים פון אַ תּם, זאַכט און פּאָרזיכטיק, צוגעגאַנגען צום שלאָפנדיקן גייגער. ער האָט איבער זיין קאָפּ אַ פיר געטאָן מיט דער רעכטער האַנט, אַ קנאַק געגעבן מיט צוויי פינגער און געזאָגט:

— איך קען נוצן אַ מעדיום אין אַלע פאַזן. מען מוז נישט דווקא איינשלעפערן אַ

וואַכעדיקן, כדי אים אַריינצופירן אין דער צויבער — וועלט. מען קען אויך אויפוועקן אַ שלאָפנדיקן.

גייגער, אָנגעבלאָזן, אויפגעקאָכט וואָס מען האָט אים אויפגעוועקט, האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט זיינע שווערע ליפּן:

— פּרעכהייט!

— געוואַגטקייט! — האָט שולטע אים פאַרריכט און אין איין אויגנבליק אָפּגעריסן אַ קנאָפּ פון גייגערס ראָק און עס אַ שליידער געטאָן צו דער ערד.

איידער דער באַליידיקטער גייגער האָט באַוויזן צו פּראָטעסטירן, אויסצולאָדן זיין כעס איבער דעם שפּאָט, וואָס מען טרייבט מיט אים, איז דער קנאָפּ שוין געווען צוריק אין דעם שוואַרציקינצלערס האַנט, פון זיין האַנט איז דער קנאָפּ געפלויגן צו דער סטעליע, דערנאָך צוריקגעפאַלן אויף גייגערס ראָק און מיט איין קלאַפּ פון שולטעס דלאָניע געווען צוגענייט אויפן זעלבן אָרט, ווי פריער.

ביי גייגערן האָבן די אויגן זיך אָנגעגאָסן אויף רויט. די אָדערן — שנירלעך אַרום די ווייסלען האָבן זיך אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן. די ברייטע נאָזלעכער האָבן געשיפּעט. ער האָט זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין.

— כ'וועט זיך, אַז דו ביסט אַן אָנגעלאָפענער אין יאַרקוויל. אַ פּליכטלינג. האָסט יידישע חוצפה!

— געטראָפן! — האָט דער שוואַרצקינצלער באַשטעטיקט.

— איצט, אַז דו ביסט אַזאַ וווּנדער — ווייזער — האָט גייגער זיך אויפגעשטעלט שוין אינגאַנצן אַ וואַכער — וויל איך זען דיינע צויבער — שטיק. רייסן קנעפּ קאָן יעדער ציגיינער. דאָנערוועטער! דו איבערצייג מיך מיט דיין צויבער — קראַפט. כ'וועל זיך לאָזן קאָסטן! כ'שטעל איין גאַנצע פינף דאָלאַר! סאַקראַמענטאָ! כ'וועל הייסן ברענגען צווי פּליש — מאָלצייטן. פאַר מיר אַ געבאַקענע הון פאַר דיר — אַ הייסן שווין — קאָפּ. דו עסט דאָך כשר, וואָס? און אויב דו ווילסט עס נישט פאַרזוכן, פאַרטראָגסט נישט דעם גערוך פון שווין, ווייז דיין מאַגישע קראַפט און פאַרוואַנדל דאָס אין אַן אַנדערע געשמאַקע שפּייז, וואָס דו האָסט ליב... איינפאַרשטאַנען?

— כ'נעם אָן דעם אָנבאָט, הער גייגער.

ווען דער פידל — שפּילער איז אַרויסגעלאָפן און אַריין אין דעם נאָענטסטן רעסטאָראַן אויסצופירן די באַשטעלונג, איז דער שוואַרצקינצלער אים נאָכגעגאַנגען ביז צו דער טיר. פון דרויסן האָט זיך פאַרבייגעטראָגן דאָס הייזעריקע קול פון אַ פרוכטן — הענדלער. אַ פאַרשפּעטיקטער איטאַליענער האָט געשטופּט זיין האַנט — וועגעלע, אָנגעלאָדן מיט ברוין — הויטיקעווינטער — עפּל. שולטע האָט צוגערופן דעם איטאַליענער און געפרעגט וויפל עס קאָסט אַן עפּל.

— צען סענט — האָט דער פרוכטן — הענדלער צוליב דער שפּעטער נאַכט — שעה געפאָדערט אַן אַרויפגעשרויפטן פּרייז.

שולטע האָט באַצאָלט דאָס געבאָטענע, גענומען אַן עפּל, דערנאָך געבאָרגט ביים הענדלער זיין צעבויגן מעסערל און אויפגעשניטן די פרוכט. און וווּנדער איבער וווּנדער — פון צווישן די שוואַרצע קערעלעך האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ צוזאַמענגעקנוילטן פּאַפּירענעם דאָלאַר. דער איטאַליענער האָט געשטוינט, פאַרדעכטיק אָנגעקוקט סיי דעם קויפער, סיי דאָס פאַרוווּנדערטע הייפל אַרום און פון איבערראַשונג געמיינט, אַז ער וועט צעזעצט.

שולטע האָט רואיק אים אַריינגעשטעקט נאָך אַ צען סענט שטיק. גענומען אַ צווייטן עפּל, אָנגעהויבן אויפשניידן און ווידער אַרויסגעצויגן אַ פּאַפּירענעם דאָלאַר.

ביים פרוכט — העגדלער האָבן די ברעמען זיך אויפגעשטעלט ווי הערנער. די גרויסע פאַרגאַפּטע אויגן האָבן זיך געריסן פון די לעכער. שולטע האָט געוואָלט קריפן אַ דריטן עפּל, אָבער דער איטאַליענער האָט אים געפּאַטשט איבער די הענט. ער האָט אַ כאַפּ געגעבן זיין שטופּ — העגעלע און גענומען אַנטלויפן מיט אימפּעט. ער איז געלאָפן מיט זיינע פאַרכישופטע עפּל זוכנדיק אַ באַהעלטעניש, ווו קיין אויג וועט אים נישט קענען דערטאַפּן, ווו ער וועט קענען אַליין, אומגעשטערט אויפשניידן די אומשעצבאַרע צויבער — פּרוכטן און אַרויסשלעפּן פון זייערע אינגעווייִדן, איינס נאָך איינס, גרינע פּאַפּירענע דאָלאַרן...

גייגער, וואָס האָט זיך אויך געדריקט אין הייפל אַרום דעם שוואַרצקינצלער, האָט קאַלט באַטראַכט דאָס פאַרבלענדעניש. ער האָט נישט באַנומען פאַרוואָס מען אַפּלאָדירט אים און נישט פאַרגונען, וואָס ער רייסט אַזוי אָן מיט זיינע בייזע וווּנדער.

פונעם נאָענטסטן נאַכט — רעסטאָראַן האָט אַ פּעטער קוכער אַריינגעבראַכט צוויי טעלערס. אויף איינעם איז געלעגן אַ פּעטע, צוגעברוינטע הון, אויפן צווייטן — אַ חזיר — קעפּל, מיט צוויי אַרויסשטאַרצנדיקע אויערלעך און אַ גלאַנציקן שנוק. דער אויסוואַל איז פון פריער געווען באַשטימט. גייגער וועט נעמען די הון, און שולטע — דאָס שוויין — קעפּל. די מיידלעך, וואָס האָבן זיך איצט געשטופּט פון אַלע זייטן, זיינען געווען זיכער, אַז דאָסמאָל האָט דער גוטבאַזיצער פון יאַרקוויל געשטעלט דעם שוואַרצקינצלער אין אַ פאַרלעגנהייט. שולטע איז טאַקע געשטאַנען אַ פאַרשעמטער פון דער אומגערעכטער איינטיילונג. ער האָט געהאַט אויף זיך גייגערט שטרענגן בליק. דער אַלטער גוטבאַזיצער איז געשטאַנען איבער אים ווי אַ באַרמלאָזער נקמה — נעמער. דאָס קאַנטיקע פּנים האָט טריאומפירט. זיינע קאַלטע, גרויע אויגן האָבן פרעך געלאַכט, דער ברייטער אויסגעגאָלטער קיילער — קאָפּ האָט גערוט אויף דעם פולן אָנגעגאָסענעם קאַרק און זיינע האַרטע, פליישיקע ליפּן האָבן געטשמאָקעט, ווי ער וואָלט שוין געהאַט איינגעמאָנט זיין פאָרציע שאָדן — פרייד.

מיטאַמאָל האָט דער שוואַרצקינצלער צוגעטראָגן ביידע טעלערס צו אַ טישל מיט צוויי שטולן, פאַר זיך האָט ער אַוועקגעשטעלט דאָס חזיר — קעפּל, און פאַר גייגערן — די הון. ער האָט געלאַסן אָנגעלייגט צוויי סערוועטקעס, גאָפּל — מעסער, אַ מעסטל זאַלץ, אַלץ צוגעגרייט צום איינבייסן. די פאַרלעגנהייט האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. די גרימאַסן פון זאָרג זיינען פאַרשוווּנדן. די לוסטיקייט, וואָס האָט אַרויסגעשפּריצט פון די פלינקע לויפנדיקע אויגן, האָט זיך צעשפּרייט איבער זיין מעכטיקער נאָז, איבער זיין שטערנביין און מאָגערע באַקן. ער האָט אָנגעקוקט מיצין, וואָס האָט אים נאָכגעפאָלגט מיט שרעק און באַדויערונג. ער האָט באַטראַכט די איבעריקע מיידלעך אין דער מיידער — שטובע, וואָס האָבן געגאַפט מיט נייגעריקייט. דער אַלטער גייגער, ווי אַ וואַכזאַמער שפּירהונט האָט געשנאַפּט ביי יעדן קער זיינעם, ווי ער וואָלט זיך באַוואָרנט אַז קיין פאַרבלענדעניש זאָל דאָ נישט גילטן, קיין שוואַרצקינצלעריי וועט דאָ נישט פאַרפירן...

שולטע האָט מיט דער פוסט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און די ווייסע סערוועסקעס, ווי פאַרהאַנגען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער ביידע טעלערס. ער האָט פּאַרזיכטיק פאַרקנייטשט די סערוועטקע — עקן איבער זיין טעלער אַזוי, אַז די אויערן און דער שנוק פונעם חזיר — קעפּל האָבן זיך אַרויסגעזען. דערנאָך האָט ער פאַרשטעלט זיינע אויגן מיט ביידע הענט, ווי עס טוען ייִדישע ווייבער ביים ליכט — בענטשן, און געמורמלט אַ געבעט: "גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב! דו ווייסט דאָך אַז איך, אַ ייִד, טאָר נישט עסן קיין חזיר. און איך בין שטאַרק הונגעריק, גאָט. טאָ באַווייז אַ וווּנדער, אַלמעכטיקער, און פאַרוואַנדל דעם חזיר אין אַ הון".

אָפּגעזאָגט דאָס געבעט, האָט דער שוואַרצקינצלער דריי מאָל געפּירט זיין האַנט איבער ביידע טעלער און אַ פּליסטער געטאָן דאָ רעכטס, דאָ לינקס, און געהייסן גייגערן אַראָפּנעמען די סערוועטקעס. גייגער האָט אָפּגעדעקט די טעלערס און פון איבערראַשונג אַ שפּרונג געטאָן אויף צוריק. אויף זיין טעלער איז געלעגן דאָס חזיר — קעפּל מיטן שנוק און אויף שולטעס טעלער — די צוגעבריטעטע הון.

אַלע אין דער סיידער — שטובע האָבן אַפּלאָדירט.

פונעם געליטענעם דורכפאַל האָט גייגער זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. מיצי האָט אַ לאַכעדיקע אים פאַרהאַלטן ביי דער טיר. גייגער האָט זי באַטראַכט מיט צאָרן. זיינע לופטיקע נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּרייט. דער האַלדז איז אָנגעלאָפן ווי אַ בלויע מילץ. פון די נאַסע ליפּן האָט זיך געגאָסן, ווי אַ פלוך, סלינע און ער האָט ווילד באַטראַכט שולטען, וואָס האָט פאַר זיין געלט געריסן שטיקער פון דער צוגעבריטענער הון, דאָ אַ פליגל, דאָרט אַ פּאָלקע. דערצו האָט דער שאַרלאַטאַן יעדעס שטיק באַשמירט מיט מושטאַרדע, באַשאָטן מיט פעפער און געשמאַק געריבן אויף ביידע באַקן.

ב.

שאַרפע ווינטלעך, וואָס האָבן געבלאָזן פונעם איסט — ריווער האָבן אַרומגעכאַפּט אויגוסט גייגערן. די ווינטלעך האָבן אָנגענעם געקילט זיין קערפּער, ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעשאָקלט פון אים דעם נאָך — טעם, וואָס איז אויף אים געבליבן נאָך דעם וויזיט אין דער סיידער — שטוב. עס האָט שוין געטאָגט. די ערשטע ליכט — פאַסן האָבן געגרויט איבערן הימל, האָבן געפּליקט די לויזע דורכגעאַקערטע וואָלקנס און גענומען שלעפּן פון דער באַהעלטעניש אַרויס קילע בינטלעך זון.

ס'האָט זיך געקליבן אַ לויטערער האַרבסט — טאָג, איינער פון די ניו=יאָרקער קופּער — גאָלדענע טעג, וואָס באַוויזן זיך אָקטאָבער — צייט. אויגוסט גייגער, האָט ליב געהאַט דעם אינדיאַנער זומער. די שווערע, פייכטע היצן, די פלייצנדיקע רעגנס זיינען שוין אַריבער, און צו די אָנקומענדיקע שנייען איז נאָך ווייט. דאָס לויטערע ריחותפולע וועטער אין די איבערגאַנגס — חדשים איז אויסגעצייכנט, דאָס איינציקע, וואָס אימפּאָנירס אים אין אָט דער בעטאָנענער און שטאָלענער שטאָט. די פלאַנצן און געוויקסן זיינען קאָלירפול. יעדער טאָג ווי ריינער אויסגעפוצטער מעש. עס דערמאָנט אים די אַלטע היימאַט — לאַנדשאַפט. די ניו=יאָרקער סקווערן פירן אים צוריק צו די רוישיקע פלעצער און שייד — וועגן אין די פּרייסישע גרויס — שטעט. דער טיימס — סקוועער ווי דער אַלעקסאַנדער — פּלאַץ אין בערלין. דער קאָלומבוס — צירקל ווי דער בראַנדענבורגער טויער. דער אונטערשייד איז בלויז, וואָס דאָרט, אין דער היימאַט ליגט איבער דעם גערויש אַן איינגעהאַלטענע, ריטמישע געמיטלעכקייט, ווען דאָ ליאַרעמט דער געפּילדער, ווי אַ גרילצנדיקער, פויקענדיקער דזשאַז — בענד.

גייגער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט וועלן נאָכאַמאָל איבערוועגן זיין אָפּשאַצונג וועגן ניו=יאָרקס רוישיקע גאַסן. דער בלויזער איינפאַל האָט אַרויס גערופן אַ שפּאָט — שמייכל, וואָס פאַר אַ מעסטן און וועגן? די גאַסן אין די היימאַט — האָבן אזוינע פאַרצוגן, אַז פאַרגלייכן זיינען אומדערלאָזלעך. נישט בלויז די סקווערן און קרייז — וועגן אין די גרויסע שטעט, נאָר אַפילו יעדער אַריינפאָר אין פּרייסן, יעדע פאָרשטאָט, וואָס טונקט זיך אין פּרעכטיקע פאַרקן און בלומען — סעדער, אַרומגערינגלט מיט פאָנטאַנען און פלאַנצן — מאָזאַיק, איז איינציקאַרטיק! און דעם שטאָלצן, איינגעבילדעטן גייגער איז אויפן זינען געקומען וואַמעע, די זומער — שטאָט הינטער בערלין, ווו עס וואוינען די דייטשישע מאַגנאַטן, אינדוסטריאַליסטן — דאָס זעמל — מעל פון פּרייסנטום. די גאַסן מיט ווילעס און פּאַלאַצן זיינען אַ פּראָדוקט פון

## משה שקליאַר

### אָנקום

די פליגל אויסגעשפּרייט
ער האָט באַרירט די ערד
און פון זיין אינגעווייד
עס האָבן שאָטנס זיך אַוועקגעלאָזט
אַנטקעגן נאַכט
באַלויכטענער מיט שטערן.

פון דער ווייט
ס׳האָט זיך געהערט
די שטילקייט פון אַ שטאָט
אין אומרואיקן שלאָף
און אין פייכטן ווינט —
פון גאָט
דער הייסער אָטעם.

האָב איך אויסגעטאָן די שיך
די שטילקייט נישט צו וועקן
און בין אַריין אין זיך
צוזאַמען מיט מיין שאָטן.

### ווידער ביים כנרת

ווידער ביים כנרת
דער זעלבער גרין און בלאָ
מיר דאַכט איך קאָן דערהערן
דעם שטילן האַרץ — אויפצאַפּל
ווען כ׳בין געקומען דאָ
צום ערשטן מאָל
און ס׳האָט פאַר מיין שוואַרצאַפּל
אויפגעטויכט
דער וואַסער — טאָל
וואָס האָט ווי אַ האַרף
צווישן בערג זיך איינגעשניטן
און פאַרנומען כ׳האָב איר קלאַנג
אין מיינע בליטן

געווען איז דעמאָלט
פּונקט ווי אַצינד
אַ קילער אין דער פרי
און כ׳הער נאָך אַלץ
דאָס לויטערע געזאַנג
גלייך ס׳וואָלט אַ ווינט
געבראַכט עס פון די בערג
צו מיר —
ים כנרת שלי
אָ, ים כנרת שלי...

דער ראַפינירטסטער קונסט — בוי. פאַרשיידענע סטילן און אַרכיטעקטורן. געבײַדעס אונטערגעלענט פון גריכישע קאָלאָנעס, שלעסער באַצירט מיט גאָטישער אָרנאמענטיק און האָלענדישע ווילעס, אויסגעשניצט ווי פאַנטאסטישע טויבן — שלאַקן און וואַסער — מילן. און ווען גייגער דערמאָנט זיך אין וואַמעע, טראַכט ער וועגן דעם מינכענער בוכבינדער ריכארד שניצלער, וואָס האָט זיין בוכבינדעריי דאָ אין ניו=יאָרק אויף דער דריטער עוועניו. אַ פיינשמעקער דער שניצלער און אַן אַרבעטזאַמער מענטש, אַ פלייסיקער. ער שלאָפט פיר שעה און אַרבעט גאַנצע צוואַנציק. זיין געשעפט עפנט ער שטענדיק ביים ערשטן מאָרגן — ליכט. פון באַשעפטיקונג אַ בוכבינדער, אָבער ער איז אויך אַ געדולדיקער קאָלעקציאָנער פון אַנטיקן, אַ זאַמלער פון אַלטע ווערטפולע שריפט — בויגנס. זיין פלינקער מוח איז אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע. און עס איז אַ געוווינהייט ביי אויגוסט גייגערן איינמאָל אַ חודש, נאָך אַן איבערגעלעבטער ערגערגיש, אַריינצופאַלן צו אים און זאַלבענאַנד דורכלופטערן בענקשאַפטן און טרוימען. גייגער האָט גיכער געשטעלט די טריט און ווי לויט אַן איינגעשטעלטן טאָג — פלאַן האָט ער זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון דער פיר און אַכציקסטער גאַס, ווו אין ראָג איז געווען ברייט צעלייגט די בוכבינדעריי פון ריכארד שניצלער.

(סוף אין נאָענטסטן נומער).

## אויף בערג פון יהודה

דריי איינזאַמע ביימער
אויף בערג פון יהודה,
אַרום זענען שטיינער —
אַ גרודע אויף גרודע.

ווער האָט זיי געבראַכט דאָרט
אַהין צווישן שטיינער,
אפשר מיט שטילוואָרט
באַלעבט האָט זיי איינער?

און כ׳ווייס זיין געביין נישט,
און כ׳קאָן אים נישט גרייכן —
פאַרהילט אין געהיימניש
די ביימער דריי לייכטן

אין אָוונט — שעה שפעטער
ווי ברענענדע דאָרנס.
מיר דאַכט זיך איך קלעטער
אַליין דאָרט פאַרלאָרן

מיט הענט אויסגעצויגן
צו שטיינערנע גרודעס,
און ס׳בלענדן אין אויגן
די בערג פון יהודה.

## אַ באַגעגעניש ביים ים המלח

דאָ איילט זיך קיינער נישט, פאַמעלעך
מען שמירט זיך אין דער היילנדיקער בלאָטע
און דערשטוינט עס קוקט דער ים המלח
אויף די שלייכנדיקע שוואַרצע שאָטנס
וואָס גענענען צו זיין גרויען שפיגל.
באַלד וועלן זיי זיך לייגן ווי אין וויגל
און וויגן זיך, און וויגן — — —

שפעטער, אָפּגעצוואָגענע מען טריקנט
ווי גרעט זיך אונטער מדבר — זון צעגליטער,
און בלאָנדזשענדיקע, זוכנדיקע בליקן
קוקן אויס אַ צווייטן און אַ דריטן.
באַלד עס שאַפט אַרום זיך אַ געזאַמל —
יידן פון אומעטום — פון אַלע וווייטן,
מען פרוווט צוזאַמענרעדן זיך, מען שטאַמלט,
איין לשון פרוווט אַן אַנדערנס פאַרבייטן.

חנן קיעל/ניו־יאָרק

# על קידוש היתומים

## יאַנוש קאָרטשאַק — זיין לעבן, שאַפן און אומקום

.1

ווען יאַנוש קאָרטשאַק זײַנען געשריבן געוואָרן אומצאָליקע ביכער, דראַמעס, עסייען, זכרונות און לידער, און ער ריזלט אין אונדזער געמיט ווי אַ לעבדיקע סאַגאַ וואָס שעפּט זיך נישט אויס. הגם ער איז געווען קולטורעל און שרייבעריש פאַרבונדן מיט דער פּוילישער שפּראַך, איז ער געווען אַ דערהויבענער סימבאָל פון יידיש לעבן אין פּאַר — מלחמהדיקן וואַרשע און טראַגישן לעצטן קאַפּיטל פון דער טויזנט — יאָריקער יידישער געשיכטע אין פּוילן.

אויפן פירלייג פון דער פּוילישער דעלעגאַציע האָט די יונעסקאָ געהאט פּראָקלאַמירט 1979 אַ יאַנוש — קאָרטשאַק יאָר אין כבוד פון דעם ״פּוילישן״ דענקער און נאַצי — קרבן, צו זיין הונדערטסטן געבוירן — יאָר. אויך אַ ניי אַנטדעקטער שטערן אין אוניווערס איז אָנגערופן געוואָרן אויף זיין נאָמען.

א פּראָוויזישער שרייבער אַלען ביהלען אין זיין נישט לאַנג דערשינענעם בוך ״געזעגענונג מיט קינדער״ ווייזט אָן אויף קאָרטשאַקס דורותדיקער פּוילישער אַסימילירטקייט, זיין פּאָטערס אָפּגעפרעמדקייט פון יידן, און אַז זיין לאַנד איז קאַלט געווען צו זיינע הומאַנע אידעען פון פעלקערלעכער פאַרברידערונג. בכלל גייט אָן אַ טענדענץ צו איבערצייגן די וועלט און איינפּלאַנצן אין דער נייער פּוילישער גענעראַציע דעם פאַלשן באַנעם אַז דאָס זיינען פּוילישע בירגער — פּאָלאַקן געווען די קרבנות פון היטלערס גרויזאַמע מאָרד — פּלענער. מיר געדענקען די האַס — אַטמאָספערע קעגן יידן ערב — חורבן; די פּוילישע יוגנט, די אינטעליגענץ, די פּאַרטייען אין סיים, די ענדעציע,

ביז... אַ ייד וואָס שטאַמט פון מיינע קאַנטן\
און פאַרקויפט ביים ים דאָ איצטער בלאָטע\
גיט אַ זאָג מיט ווערטער אַלט — באַקאַנטע:\
״צ׳האָט פאַרגעסן אונדזער יידיש, האָט עך?״\
צעוואַרעמט זיך דער ייד פון אַרגענטינע\
און די יידענע די ברייטע פון בראַזיל,\
און פון שיקאַגאָ יידן צוויי, אַלץ גרינע,\
וואָס זענען אין אַ זייט געשטאַנען שטיל.

און יידן נאָך — סיי היגע, סיי נישט היגע,\
יעדער וואַרפט אַריין זיינע ״צוויי גראָשן״,\
לסוף זאָגט איינער וואָס נישט לאַנג פון ריגע:\
— אַ געזונט אין אונדזער מאַמע — לשון!

און מיר זיך שטעלן טרערן אין די אויגן —\
זאָל עס זיין דאָס זאַלץ פון ים — המלח?\
האָב איך צום האַרץ — קלאַפּן זיך אָנגעבויגן\
און אַרויסגעהערט — אויב דיך פאַרגעסן וועל איך...

כאַדעקעס, די נאַראַווצעס — זיי אַלע האָבן זיך מתקנא געווען אין היטלער—דייטשלאַנד. זיי האָבן פיינט געהאַט, איגנאָרירט קאָרטשאַקן, ווי אַ ייד, ביים לעבן, אָבער יעצט ווערט ער פאַרהייליקט. ווי יענער ייד פון פאַר צוויי טויזנט יאָר צוריק, וואָס איז געוואָרן פון די רוימער געקרייציקט און אַ פאַרגעטלעכטער געבליבן ביז היינט דער סימבאָל פאַר יידן — האַס.

*

אַ פּערזענלעכע נאָטע. אין מײַנע יונגע יאָרן בין איך געווען אַקטיוו אין השומר, אַ חלוצישע יוגנט — באַוועגונג וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען די אויטאָריטעט פון דערוואַקסענע און זייער איינגעפונדעווטען דערציאונג — סיסטעם.

קאָרטשאַק איז דעמאָלט געווען אונדזער באַליבטער שרייבער. מיר האָבן געלייענט און דיסקוטירט זיינע ווערק, זיך צוגעהערט צו זיינע ראַדיאָ — פּראָגראַמען (שפּאַסיקע פּעדאַגאָגיק), מיר האָבן מיט אים קאָרעספּאָנדירט דורכן "מאַלי פּשעגלאָנד" און ביי יעדער געלעגנהייט וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין וואַרשע באַזוכט זיין יתומים — הויז אויף קראָכמאַלנע 92. אין מײַן פאַרוואָגלטקייט אין סאָוועטישן גלות, מלחמה — צייט, האָב איך אָפּט געטראַכט וועגן גורל פון יאַנוש קאָרטשאַק, וואָס האָט באַווירקט מיינע יונגע יאָרן און זיך איינגעקריצט אין זכרון. אים, דעם קינדער — דאָקטער, דערציער, הומאַניסט, אומגעקומען על קידוש השם וקידוש היתומים הייליקן מיר די באַשיידענע אַרבעט.

*

די יאַנוש קאָרטשאַק ביאָגראַפיע לייענט זיך ווי אַ וווּנדער — מעשה פון אַ מאָדערנעם למד — וואָווניק וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געראַנגלט קעגן די כוחות פון מענטשלעכער רשעות, עוולות און טיראַניע פון שטאַרקע איבער שוואַכע, איבער די צום מיינסטן באַעוולטע, וואָס דאָס זיינען קינדער, בפרט די אָרעמע, פאַרלאָזענע יתומים אָדער פון צעבראָכענע היימען.

קאָרטשאַק דערציילט אין זיינע אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן וועגן זיין עלטער — זיידן, דעם גלעזער פון הרוביעשאָוו, וואָס האָט ליכטיק געמאַכט מענטשלעכע שטובן; וועגן זיידן הירש גאָלדשמידט, אַ דאָקטער פון קראַסנאָסטאַוו, אַ משכיל וואָס האָט געשריבן אין העברעישן המגיד און האָט אַנטייל גענומען אין אויפשטאַנד פון 1863. די מאָראַלישע סענסיטיוויקייט צו אָרעמע האָט קאָרטשאַק געירשנט פון זיידן און פון טאַטן, דעם אַדוואָקאַט יוזעף גאָלדשמידט, וואָס האָט פאַרטיידיקט די אָרעמע אָן געלט. דער מכלומרשט אַסימילירטער טאַטע האָט געשריבן ביכער אויף יידישע טעמעס, ווי יידישע פּערזענלעכקייטן אין 19=טן יאָרהונדערט", גט — געזעצן לויטן תלמוד.

הענריק גאָלדשמידט (קאָרטשאַק) איז געבוירן געוואָרן אין 1878 אָדער 1879. זיינע עלטערן האָבן געוווינט אויף דער מיאָדאָווע גאַס, אַ רייכע געגנט אין וואַרשע. צו 6 יאָר לערנט ער פון דער דינסט, אז אַ פייגעלע האָט נישט קיין נשמה און פון זיין חבר, דעם סטרוזשס שגצל ווערט ער געוווירער אַז ער איז אַ ייד און וועט קיין מאָל נישט אַריין אין גן עדן, סיידן ער וועט פאַר אים צו לקחנען פון קרעדענץ אַ שטיקל קוכן וועט ער אויס בעטן ביים הייליקן פּיאָטר אַ ווינקל פאַר הענריקן אין קעלער פון גן עדן.

אָבער הענריקס עולם — הזהדיקער גן עדן האָט לאַנג נישט געדויערט. זיין פאָטער איז געוואָרן גייסטיק קראַנק, זיבן יאָר זיך געפּייניקט אין שפּיטאָל. ווען ער איז געשטאָרבן האָט דער 18=יאָריקער הענריק געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד. ער האָט קיין מאָל נישט חתונה געהאַט צוליב מורא פאַר דער גייסטיקער ירושה — קראַנקייט. ער לערנט זיך

אינטוענסיוו, שרייבט אין דער אוניווערסיטעט — ציטונג ״קאָלעץ״, פּראָבירט שרייבן פּאָעזיע, נעמט אָנטייל אין אַ ליטעראַרישן קאָנקורס פון ״קוריער וואַרשאַווסקי״ און געווינט דעם פּאַדערעווסקי — פּרײַז פאַר אַ דראַמע. דעמאָלט אַדאָפּטירט ער דעם נאָמען יאַנוש קאָרטשאַק פון איגנאַצי קראַשעווסקיס אַ דערציילונג: ״די געשיכטע פון יאַנאַש קאָרטשאַק און זיין שיינע שווערד — טרעגערין״. צוליב אַ דרוק — פעלער איז געבליבן זיין פען — נאָמען יאַנוש קאָרטשאַק.

.2

ווי אַ סטודענט פון מעדיצין האָט אים באַאומרואיקט דער טרויעריקער מצב פון די אָרעמע, היימלאָזע, פאַרהפקרטע קינדער, וואָס זייערע שיכורע טאַטעס טשאָרען זיך אין די רינשטאָקס פון די סלאָם — געגנטן. ער גיט אַרויס זיין בוך ״דאָס קינד פון גאַס״ (1901). נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט אַרבעט ער ווי אַ דאָקטער אין קינדער שפיטאָל. קאָרטשאַק אינטערעסירט זיך מיט די באַדינגונגען פון די יתומים — הייזער. ער חלומט פון בויען אַ מאָדערן קינדערהיים. ער מוז אָנקומען צו די רייכע אַריסטאָקראַטישע היימען פאַרצושטעלן זיין פּראָיעקט און זאַמלען געלט. ער שרייבט וועגן זיינע דערפאַרונגען מיט די קינדער און עלטערן פון די סאַלאָנען. צו מאַכן אַן איינדרוק בראָקט ער לאַטייניישע פראַזן און פילט ווי נעגל וואַקסן אַרויס פון דער נשמה. דאָס בוך ״קינד פון סאַלאָן״ האָט דערשיטערט און אויפגעטרייסלט דאָס געוויסן פון דער אינטעליגענץ, ווי ס׳האָט דעמאָלט געשריבן דער טעאָרעטיקער פון ״מלאָדאַ פּאָלסקאַ״ און מחבר פון בוך ״פלאַמען״ — סטאַניסלאַוו בזשאָזאָווסקי.

קאַרטשאַק ווערט מאָביליזירט אין דער אַרמיי ווי אַ דאָקטער בעת דער רוסיש — יאַפּאַנישער מלחמה. ווען ער קומט אַהיים לאָזט ער זיך איבער די שטעט פון אייראָפּע לערנען די וועגן פון לעבן און זייערע פילאָזאָפישע אמתן. ער וווינט אין פּאַריז, בערלין לאָנדאָן און שרייבט זיין ״קוריקולום וויטע״ — די לעבנס שולע. אין דעם בוך ברענגט ער ארויס די קאָנצעפּציע אז נישט אין סיסטעם אַליין דאַרף מען זוכן די סאָציאַלע עוולות; דער סאָציאַליזם קען אפשר לינדערן דעם מצב אָבער נישט ברענגען די ישועה פון אַ גליקלעכערע מענטשהייט. דעם שליסל צו אַ בעסערע וועלט און מענטשלעכע צוקונפט דאַרף מען זוכן אין קינד, אין סיסטעם פון דערציאונג. לויט פרוידן קען אפילו דערציאונג נישט ענדערן דעם בן — אדם מחמת דער פרימיטיווער ירושה וואָס דרעמלט אין אונטערבאַוווסטזיין. קאָרטשאַק איז געווען אָפּטימיסטיש און געגלויבט אין דער ראָל פון חינוך איינצופלאַנצן גוטסקייט אין קינד. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן פאַר קינדער און יוגנטלעכע. ער פירט אָן מיט צוויי זומער — קאָלאָניעס — אַ יידישע און אַ פּוילישע. דער פאָראורטייל צווישן די קינדער איז דאָך אַ רעזולטאַט פון טיפע איינגעוואָרצלטע איינפלוסן און רעליגיעזע סביבות. קאָרטשאַק אָבסערווירט, דרינגט אַריין אין קינדס געמיט, ברענגט אַרויס אויף אַ הומאָרפולן אופן די ענלעכקייט און אַנדערשקייט אין זיינע ביכער: ״משהלעך, יאָסעלעך און סרולעקלעך״ און ״יוזשקי, יאַשקי פראַנקי״. אין אַ בוך ״סלאַוואַ״ (באַרימטקייט) דערמוטיקט דער שרייבער דאָס קינד צו חלומען פון ווערן באַרימט, ווי מען זאָגט ביי אונדז — צו זיין אַמביציעז און דערגרייכן לויט די כּוחות. עפּעס וועט דערפון אַרויסקומען.

קאָרטשאַק אַרבעט ווי אַ דאָקטער מיט איינזעניש פאַר זיינע אָרעמע פּאַציענטן. אין 1909 איז פאַר אים אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט צו פאַרווירקלעכן אַ לעבנס — חלום אָנצופירן אַ קינדערהיים, אַ יידיש יתומים — הויז און פאַראַבירן איינפירן זיינע דערציאונג — מעטאָדן ביי די אומגליקלעכסטע קינדער אָן עלטערן, אָדער פון צעבראָכענע היימען. דאָס הויז אויף קראָכמאַלנע 92 איז פון אים אַליין פּלאַנירט געוואָרן. אזוי איז אין האַרץ

פון דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט געשאַפן געוואָרן די ווונדערלעכע אויטאָנאָמע קינדער — רעפּובליק וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון יאַנוש קאָרטשאַקן מיט דער מיט הילף פון דער פילאַנטראָפּין און דערציערין סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ. מיט זיי האָבן מיט געאַרבעט אַ שטאַב אידעאַליסטישע אַרויס העלפערס, לערערס וואָס האָבן בלב ונפש זיך איבערגעגעבן דער נאָבעלער הומאַניסטישער אַרבעט.

3.

אין 1914 ווערט קאָרטשאַק מאָבּיליזירט אין דער רוסישער אַרמיי ווי אַ פעלד — דאָקטער. דורכגעמאַכט די מלחמה — יאָרן אויף די פראָנטן און אין ווייטן סיביר. ווען ער איז אַהיימגעקומען פאַרצייכנט ער אין זיינע נאָטיצן, אַז ערגער נאָך פון די שחיטות אויף די פראָנטן זיינען די צעווילדעטע טריאומף — מאַרשן פון די זיגער — משוגעים וואָס קומען אַהיים פון די וואַלפּורגיע — נעכט און בלוטיקע אָרגיעס. קאָרטשאַק איז ווידער מיט זיינע קינדער אין יתומים — הויז; באַלד הייבט זיך אָן די פּויליש — באָלשעוויסטישע מלחמה. דער דאָקטער מוז ווידער אָנטאָן דאָס מאָל אַ פּויליש — אָפּיצירישן מונדיר. זיין מוטער שטאַרבט פון טיפוס, און אין יענע איינזאַמע טעג שרייבט ער זיינע תפילות פון אַ מענטש וואָס דאַוונט נישט, ״סאַם נאַ סאַם ז׳באָגעם״ (אַליין מיט גאָט).

אַרבעטנדיק מיט די יידישע קינדער מאַטערט קאָרטשאַקן דער טרויעריקער מצב פון אַנטיסעמיטיזם און אָפּגעפרעמדקייט צווישן יידן און פּאָליאַקן. ער גלויבּ אַלץ נאָך אַז קינדער קענען ווערן די געגאַרטע בריק פון פאַרשטענדעניש און חברשאַפט צווישן ביידע פעלקער. אַזוי פּראָבירט ער גלייכצייטיק מיטן יידישן יתומים — הויז אויף קראָכמאַלנע אָנפירן באַנאַנד מיט דער דערציערין מאַרינא פאָלסקאַ די פּוילישן קינדער היים — ״נאַש דאָם״ אין פּרושקי, הינטער וואַרשע. ער מוז אָבער איבעררייסן די צוזאַמענאַרבעט צוליב דער יידן — פיינטלעכער קעגנערשאַפט. ער מוז זיך קאָנצענטרירן בלויז אין זיין יידישער קינדער — רעפּובליק. ער איז אויך כסדר שרייבעריש אַקטיוו. אין 1921 דערשיינט זיין בוך — ״די ווידוי פון אַ מאָטיל״ אַ טאָג — בוך פון אַ יינגל אין יאָר פון זיין סעקסועלער רייפקייט. זיינע פאַנטאַזיעס, עראָטישע איבערלעבענישן, אין זיך פאַרשלאָסן אין אַליינקייט אָן עלטערנס הדרכה צוליב שעמעוודיקייט — און די טראַגישע קאָנסעקווענצן. געשריבן מיט ליבשאַפט און פּאָעטישער סענסיטיווקייט פאַרן יונגן זומערפייגעלע וואָס פליט איבער הייזער אין עראָטישן חלום. הגם דער קינסטלער ברענגט דאָס נישט אַרויס איז נישט שווער צו פאַרשטיין דעם מוסר פון סעקס — דערציאונג וואָס ווערט איגנאָרירט פון עלטערן און דערציער.

און 1922 דערשיינט זיין קינדער — דערציילונג אין צוויי טיילן — ״קעניג מאַציוס דער ערשטער״, אַ מעשה פון אַ יונגן ליבעראַלן קעניג וואָס טראָגט זיך אַרום מיט דער אידעע פון אַ דעמאָקראַטישער מדינה; אַ סיסטעם פון פרייקייט און ברידערלעכקייט צווישן פעלקער און ראַסן. הגם דאָס איז אַן אוטאָפּיע געווינט ער די סימפּאַטיע פון קינדער וואָס חלומען וועגן קינדער — עמאַנציפּאַציע. סקומט צו אַ רעוואָלט און דער קעניג ווערט פאַרשיקט אויף אַ וויסטן אינדזל. די קינדער בלייבן אים געטריי. דער קעניג פאַראייניקט די קינדער פון אַלערליי פעלקער און ראַסן אונטער דער גרינער פאָן פון פרילינג און דערוואַכונג און צוזאַמען מאַרשירן זיי צום גן — עדן טויער פון דער צוקונפט.

אין 1925 דערשיינט די נאָוועלקע ״ווען כ׳וועל ווידער ווערן קליין״. אַ מעשה (ווי אַליס אין וואָנדערלאַנד) פון אַ דערוואַקסענעם וואָס ווערט דורך כישוף פאַרוואַנדלט אין

אַ קינד. ס׳דערשיינען זיינע קליינע קינדער — מעשות ווי ״דער באַנקראָט פון קליינעם דזשעק״ ״אומפאַרשעמט קורץ״, ״דאָס איינגעשפּאַרטע יינגל (וועגן פאַסטער) און אַנדערע וווּנדערלעכע דערציילונגען און אויך פּעדאַגאָגישע ביכער ווי ״דאָס רעכט פון קינד צו רעספּעקט״, ווי ליב צו האָבן קינדער וכדומה פּראַקטישע ווענוויייזער פאַר עלטערן און לערער. אין 1930 איז געשפּילט געוואָרן אין אַטענעום — טעאַטער אין וואַרשע קאָרטשאַקס דראַמע ״דער בונט פון משוגעים״ מיט סטעפאַן יאַראַטש אין דער הויפּט — ראָליע. די דראַמע דערמאָנט קאַפקאַס אַפּאָקאַליפּטישע וויזיעס, אַ משפּט פון משוגעים איבער נאָרמאַלע פאַר זייערע לעגאַלע פאַרברעכנס, וואָס איז אפשר אַ נביאות פון די סטאַלין געריכטן, היטלערס משוגעת, די וועלט פון וואַנזיניקייט, וואָס מיר זיינען די קרבנות און עדות. אין דער דראַמע ווערט אַרויסגעבראַכט די קאָנצעפּציע אַז — ברענגען קינדער אויף דער וועלט איז אַ געזעלשאַפטלעכע אַחריות און עלטערן דאַרפן האָבן אַ דיפּלאָמע אויף דערציִען זייערע קינדער, ווי ס׳פאָדערט זיך פאַר יעדער פּראָפעסיע. דער מחבר זאָגט אויך אַז גאָט, אַן אַנטוישטער, האָט געוואָלט דערטרינקען די וועלט אין אַ מבול טרערן אָבער צוליב די קינדער האָט ער זיך געלאָזט איבערבעטן: קינדער זיינען די האָפענונג צו היילן דעם מענטשלעכן מין.

יאַנוש קאָרטשאַק האָט פון 1926 ביזן אויסברוך פון דער מלחמה רעדאַגירט דעם ״מאַלי פּזשעגלאָנד״, אַ זייט פאַר קינדער אין דער יידיש — פּוילישער צייטונג ״נאַש פּזשעגלאָנד״ און איז געווען פאַרבונדן מיט קינדער אויך פון ארץ ישראל. ער האָט אַ צייט אָנגעפירט אַ ראַדיאָ — פּראָגראַם און געמוזט אויפגעבן צוליב די אַנטיסעמיטישע קעגן — העצעס. ער האָט די פּראָגראַמען ״שפּאַסיקע פּעדאַגאָגיע״ אַרויסגעגעבן אין שריפט. די שנאה צו יידן אין דער גיפטיקער אַטמאָספער פון פּאָגראָם — דורשטיקייט איז געוואָרן נישט צו דערטראָגן. אין 1934 האָט קאָרטשאַק פאַרבראַכט אין קיבוץ עין — חרוד. באַגייסטערט און שטאָלץ מיט יידישע דערגרייכונגען און חלוציזם האָט ער זיך געפילט צווישן זיי ״ווי אַ צוויי טויזנט יאָריקער גלות — ייד״. ער שרייבט וועגן יענע דערפאַרונגען אין לאַנד ווו סע וואַקסן נישט קיין מאַלינעס, יידן רעדן נישט קיין יידיש און דאָך פילן זיך די קינדער פריי און זיכער. ער קומט צוריק קיין פּוילן ווו ער זעט די טרויעריקע רעאַלקייט, די האָפענונגלאָזיקייט פאַר יידישע קינדער. ער דערמוטיקט זיי עולה צו זיין ״דזיעטשי דאָ ערעץ״, קינדער, פאָרט קיין ארץ ישראל — שרייבט ער מיט גרויסער שריפט אין זיין צייטונג. ער האָט אַליין געטראַכט איבערצופירן זיינע קינדער אין אַ קיבוץ, ווו ער האָט געפונען נאָענטקייט און פאַרשטענדעניש פאַר זיין דערציאונג — פילאָזאָפיע.

און 1936 איז ער ווידער אין אין — חרוד מיט דער געטרייער סטעפאַ ווילטשינסקאַ. די צייט איז אָנגעגליט מיט אומרו און שוועריקייטן צו רעאַליזירן דעם פּלאַן פון איבערזידלונג. זיי קומען ביידע צוריק קיין וואַרשע. ער פּובליקירט זיינע צוויי ביכער: ״מענטשן זיינען גוט״ און ״הערשקעס דריי טראַקטאַטן״, אין לעצטן בוך איז פאַראַן אַ דערציילונג פון הערשקען וואָס זעט פאַר אונדזער שואה, אין זיין אַפּאָקאַליפּטישער וויזיע וויל גאָט אומברענגען זיין פאָלק, ער דאַרף אונטערשרייבן דעם גזר אָבער די אותיות פון א — ב האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצופאָלגן דעם שרעקלעכן באַפעל און זיינען זיך צעפלויגן. די לעגענדאַרע אותיות פורחות וועלן ראַטעווען דאָס פאָלק ישראל, אַזוי האָט געגלויבט אין זכות פון זיינע קינדער יאַנוש קאָרטשאַק.

4

דר. קאָרטשאַק האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר קיין פילאָזאָפישן דערציער אָדער טעאָרעטיקער. ער איז געווען אַ פּראַקטישער דענקער, פּערזענלעך און עמאָציאָנעל געזאָרגט פאַרן קינדס עקזיסטענץ. ער האָט געלערנט פון די פילאָזאָפן באַרימטע

פעדאַגאָגן און אַדאַפּטירט זייערע פּראַקטיש — פּאָזיטיווע מעטאָדן וואָס קענען העלפן זיין דערציאונגס — פּראָגראַם. ער האָט געלערנט פון רוסאָס "עמיל" פון יאהאַן פעסטאַלאָזיס בוך "ווי גערטרודע לערנט קינדער" הוגאָ גאַודינג — "אַנטוויקלונג פון דער פּערזענלעכקייט", דזשאָן דואי "שול פון אַרבעט" און אנדערע. ער האָט זייערע אידעען איינגעפירט אין סיסטעם פון זיין אייגענעם פּראָגראַם און דערציאונג — מעטאָדן אין דער אַליין — רעגירנדיקער קינדער — רעפּובליק. ער האַלט אז שינוים פון געזעלשאַפטלעכע סיסטעמען ענדערן נישט דעם כאַראַקטער פון יחיד. די אמתע סאָציאַלע רעוואָלוציע איז די דערציאונג — רעוואָלוציע פון קינד. קאָרטשאַק אַקצענטירט אָפּט די וויכטיקייט פון פּרעווענטיווער דערציאונג. באַשיצן דאָס קינד פון צעבראָכענע היימען, פאַרהיטן אים פון אַלערליי אַנטי — סאָציאַלע איינפלוסן אומוויסן און הפקר — גאַס. קאָרטשאַק שרייבט: איך האָב געזען דעם שוידער פון מלחמה אָבער מער נאָך האָט מיר ווי געטאָן זעענדיק אַ קינד וואָס בעט זיך ביי אַ שיכורן פּאָטער — טאַטע קום אַהיים. קאָרטשאַק האָט זיך נישט איינגערעדט אַז אַלע קינדער זיינען פון דער נאַטור גוטע. פאַראַן גוטע און שלעכטע כאַראַקטערן ווי ביי דערוואַקסענע מענטשן.

אין דעם דערציאונג — פּראָצעס דאַרפן ווערן באַטראַכט פאַרשידענע פאַקטאָרן, ווי ירושה, סביבה און פּערזענלעכקייט, אין זיין בוך "ווי ליב צו האָבן קינדער" האַלט ער נישט פון סענטימענטאַלער ליבע נאָר פון פּעדאַגאָגישער ליבע. אין יתומים — הויז מוז אַ דערציערין זיין ווי אַ מאַמע און אַכטונג געבן אויף די קליינע טעגלעכע דעטאַלן, ווי למשל לערנען דאָס קינד צו שנורעווען זיינע שיך. אין דער קינדער — רעפּובליק זיינען איינגעפירט געוואָרן עטישע סטאַנדאַרטן, קינדער — געריכטן, דעמאָקראַטיש אויסגעוויילטע באַאַמטע און אַלערליי רעגולערקייטן. אין קינד האָבן די דערציער געדאַרפט איינפלאַנצן דרך — ארץ פאַר יענעמס אַרבעט. קינדער האָבן זיך געדאַרפט פאַרדינען די בכבודיקע דיפּלאָמע — אַרבעטער. ס'איז געוואָרן איינגעפירט צו שיקן דאַנק — בריוו איינער צום צווייטן, אַ פאַרליר און געפין — קעסטל, אָנהאַלטן דעם אָנדענק פון פאַרשטאָרבענע עלטערן: אַ קינד האָט געקענט זאָגן קדיש א.ד.גל. לערער האָבן דערמוטיקט שאַפערישקייט און אַנטפּלעקט טאַלענטירטע קינדער.

אין אַ זומער — האָטעל האָב איך באַקענט אַ מוזיקער, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין קאָרטשאַקס אינטערנאַט. מיט פּיעטעט האָט ער מיר דערציילט אַז יאַנוש קאָרטשאַק איז געווען זיין "טאַטע", און ער האָט מיר געוויזן צוויי בריוו פון אים. ווען אַ קינד איז געוואָרן צוגעגרייט אַרויסצוגיין ווי אַ דערוואַקסענער, האָט קאָרטשאַק געזאָגט פאַר אים אַ תפילה אַז דער געטלעכער גורל זאָל אים באַשיצן. אין אַן אַנקעטע וואָס איז געוואָרן דורכגעפירט צווישן 450 ארויסגעלאָזטע קינדער זיינען געווען געציילטע דעליקווענטן. קאָרטשאַקן האָט דאָס שרעקלעך ווי געטאָן.

5

דער יידיש — פּולישער דיכטער וולאַדיסלאַוו שלענגעל וואָס איז נאָך געווען אַן עדות פון יאַנוש קאָרטשאַקס לעצטן וועג מיט זיינע קינדער, האָט אין אַ פּאָעמע "וועסטער פּלאַטע" געשריבן: "אויפן פּראַנט ווו מיר שטאַרבן אָן האָנאָר אין קאַשמאַרנעם טאַנץ פון דער נאַכט, קאָרטשאַק דער טאַטע פון יתומים ווי אַ שטאָלצער וועכטער וואַכט. הערט איר שכנים וואָס זעען אונדזער טויט אויף יענער זייט מויער דורך קראַטן, יאַנוש קאָרטשאַק איז געפאַלן אויף אונדזער אייגענער וועסטערפּלאַטע." (וועסטערפּלאַטע, ביי דאַנציג איז געווען אַ מיליטערישע באַזע ווו די פּולישע וואַכלייט אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער אינוואַזיע, האָבן געקעמפט ביז דער לעצטער זעלנער איז געפאַלן.)

פון יענעם ערשטן אַריינמאַרש פון די דייטשע האָרדעס אין וואַרשע האָט זיך אָנגעהויבן קאָרטשאַקס ביטערער, פאַרצווייפלטער גערעאַנגל פאַרן לעבן פון זיינע אומגליקלעכע יתומים. ווען סוורערן באַשטימט די גרענעצן פון געטאָ מוז ער איבערפירן זיין קינדערהיים אויף דער כלאָדנע — גאַס און נאָך אַ צייט אויף דער שיענע 18. די דייטשן האָבן פאַרהאַלטן דעם וואָגן מיט זאַכן, ער ווערט צעשלאָגן, זיצט אין פּאַוויאַק און נאָכן באַפרייען אים איז ער ווידער מיט זיינע קינדער. ער זוכט אַלע מיטלען צו דערהאַלטן זיינע יתומים ביים לעבן. ער ווענדט זיך צו זיינע קריסטלעכע פריינט אויסערן געטאָ: ער קריגט זיך מיטן יודנראַט און בעטלט ממש פאַר די קינדער ביי די געטאָ — לאָרדן. אַ שטאָלצער בעטלער — פרינץ. זיינע פריינט באַמיען זיך אים אַרויסצוראַטעווען אָבער ער וויל דערפון נישט הערן, דאָס וואָלט געווען אַ מוראַדיקער פאַראַט קעגן זיין אייגענעם געוויסן.

ער שרייבט אין טאָג — בוך זיינע אָבסערוואַציעס אין געטאָ. קינדער וואַלגערן זיך שוצלאָז אָן היימען. אין הונגער, טיפוס, פאַרהפקרטע שפּילן קינדער אין גאַס צווישן טויטע. אין יתומים — הויז מיט קאָרטשאַקן פּילן זיך די קינדער באַרואיקטע און באַשיצטע. ס׳ווערט אָנגעהאַלטן אַן אַטמאָספער פון מענטשלעכע באַציונגען, ליבשאַפט פריינטלעכקייט און ריינקייט. ס׳העלפן אים די אידעאַליסטישע דערציערס און ווי אַ מאַמע — סטעפאַניאַ ווילטשינסקאַ. ס׳ווערן אָנגעפירט קולטור — פּראָגראַמען, יום — טוב — פייערונגען, חנוכה — און פורים — שפּילן און אַנדערע אימפּרעזעס. קאָרטשאַק האָט געוווסט אַז דער טראַגישער סוף איז אומפאַרמיידלעך, און מיט זיין ליבשאַפט און זאָרג האָט ער געהיילט די מאָראַלישע ליידן פון זיינע יתומים.

עדות דערציילן וועגן דער לעצטער פאָרשטעלונג אין אינטערנאַט ״די פּאָסט״ פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָר, וועגן אַ קראַנק יינגל וואָס זעט די שיינע וועלט דורכן פענצטער. דאָס יינגעלע צוגעשמידט צום בעט חלומט צו פליען אין יענער געטלעך גרינער וועלט.

דער פּאָעט שלענגעל שילדערט דעם טראַגישן צוג פון די יתומים צו די וואַגאָנען. ״ס׳לויפט עמעצער צו מיט אַ צעטל, דערקלערט נערוועיש מיט שרעק, ביזט פריי באַגנעדיקט פון בראַנדטן, נאָר קאָרטשאַק גייט ווייטער זיין וועג. זיי וועלן סײַווי נישט פאַרשטיין וואָס ער טראַכט אין שוויגן אַצינד, וואָס מיינט אין דעם לעצטן וועג צו לאָזן אויף הפקר אַ קינד. ״שלענגעל זאָגט ווייטער אין דער פּאָעמע אַז קאָרטשאַק איז היינט דאָס ליכטיקסטע בלעטל אין דער געשיכטע. ״יאַנוש קאָרטאַק דער ערשטער אין ריי, אין זיך די אויגן געווענדט, פאָרויס אָן פחד ער גייט, צוויי קינדער ער פירט ביי די הענט.״ אַזוי האָט דער איידעלער אָב — היתומים געפירט זיינע קינדער צו דער עקדת טרעבלינקע.

סוף

אין פּאַר — מלחמהדיקן פּוילן האָבן דאָס רוב פּאָליאַקן, די רעגירונגס — קרייזן, דער קוראַטאָריום, זיינע הומאַנע אידעען נישט טאָלערירט. זיינע קינסטלערישע דערציילונגען וואָס קענען זיך פאַרגלייכן מיט די שאַפונגען פון אַנדערסען, דע — אַמיציס וכדומה זיינען אין די שול — כרעסטאָמאַטיעס נישט געווען בנמצא. היינט ווערט קאָרטשאַק געליבט און געאַכפּערט. ווי האָט געזאָגט אורי צבי גרינגערג. ״נאָט אייך אַ דרייער פּאַר אייערע לויב — געזאַנגען נאָך מײַן טויט.״

פּאַר דער יידישער יוגנט אין פּאַר — מלחמהדיקן פּוילן איז יאַנוש קאָרטשאַק געווען אַ הומאַניסט וואָס האָט געגאַרט צו ברידערלעכקייט, וואָס האָט געגלויבט אין סאָציאַליזם פון האַרץ. אַ קינדער — פריינט, אַ ייד צווישן יידן, פאַרערער פון חלוציזם און ועל כּולם אַ טאַלענטירטער קינסטלער — דערציילער און אָריגינעלער דערציער. מיר וועלן אָפּהיטן זיין ליטעראַרישע און הומאַנע ירושה.

מאיר חַרַץ /ירושלים

## כמעט אָן גראַמען

מײַן גאָט,
אין אַ מינוט פון שוואַכקייט
האָסטו מיך באַשאַפן,
מײַן זיידן,
מײַן עלטער=עלטער=זיידן
מיט מײַן באָבען.
די שוואַכקייט איז די איינציקע ירושה,
אויף וועלעכער סע וואַקסט פּראָצענט
מדור לדור.
נישט שטאַרקער ווערט דער מענטש
פון זײַן לענגער לעבן.
דער מענטש ער שפּילט דעם מענטשן
און דיך טוט ער בענטשן
און פון דיר ער וויל,
אים נישט שטערן אין דער שפּיל

ירושלים, 14טער מאַרץ, 1989

## ווערטער זענען אַלץ נאָך

ווערטער זענען אַלץ נאָך אויפן ערשטן אָרט
נאָך אַזוי פיל קריזיסן פון וואָרט,
ווען דער ליגן האָט פאַרכאַפּט די מאַכט
און זיך פונעם אמת אויסגעלאַכט
און געהילכט מיטן געלעכטער אויפן מאַרק,
ווו דאָס פּסולת איז געלויבט געוואָרן שטאַרק
פאַר אַ סחורה פונעם בעסטן סאָרט —
דאָך איז נאָך דער אמת אויפן ערשטן אָרט,
כאָטש ער יאָגט זיך נישט, דער אמת, נישט ער לויפט
און קומט שטענדיק, ווען דער ליגן האָט זײַן סחורה שוין פאַרקויפט,
לייזט ער פאָרט דאָס וואָרט דאָרט אויס פון געפענקעניש,
פון די נעגל פונעם ליגן, וואָס האָט אויסגעמישט
חצי מים חצי יין אין אַ שיינער פלאַש,
קלײַבט דער אמת זיך פונאַנדער אינעם ליגנערשן מיש=מאַש,
שטעלט ער יעדער זאַך אַנידער אויף זײַן פּאַסיק פּלאַץ
און די ווערטער אויף די ערטער אויף די ריכטיקע אין זאַץ.

ירושלים, 20סטער מאַרץ, 1989

# טאָג

מיטן עפענען די אויגן
הערסטו אויף דעם חלום זען
און זיי ווערן דיר פֿאַרצויגן
מיט אַרום, מיט אַלעם דעם,

וואָס עס הייבט דיר אויף די הייכן
און סע ציט דיר אויס די ווײַט
און מעקט אָפּ אַיעדן צייכן,
וואָס אין דיר זיך לעשט, זיך בײַט.

מאַכסט זיי צו נאָך אויף איין רגע
דײַנע אויגן, כאַפּסט זיך אָן
אין אַ שאָטן אויף די וועגן
אין אַ רעגן אָנגעטאָן.

ביז דער שאָטן, אָנגעצונדן,
זיך צעפלאַקערט ווי אַ סטויג
און די סנאָפּעס, אויפגעבונדן,
ברענען אין דײַן אָפן אויג.

ירושלים, 1989.3.29

# אָן אַ נמשל

מיר זענען געזעסן בײַם טיש און גערעדט,
ס׳האָט איינער זיך שטאַרק געשלאָגן על חטא
אפילו פֿאַר נישט באַגאַנגענע זינד.
ס׳האָט איינער אַ יונגער, נאָך גאָר אַ קינד
גערויטלט זיך בײַם נעמען אַ וואָרט,
געקווענקלט זיך, געשפּילט אַ קאָרט
מיטן וואָרט, אַ רגע עס געהאַלטן אין מויל
און אויסגעשאָסן עס ווי אַ קויל
אזוי אומגעריכט, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט,
אַז מיר געפינען זיך אויף אַ שלאַכט.
ס׳האָט יעדער געמיינט, ס׳איז אין אים געצילט,
ס׳האָט יעדער פון אונדז זיך געטראָפן געפילט
און דאָ האָט דער יונגערמאַן זיך צעוויינט,
ער האָט, חלילה, נישט אונדז געמיינט,
ס׳האָט פשוט פון אים אַרויסגערעדט,
ער ווייסט נישט ווער, מסתמא אַ שד.
צי איז עס אַ משל, צי איז עס אַ ליד,
אַ משלדיק ליד לויטן נײַעם שניט?
איך ווייס נישט, קיין נמשל האָב איך ניט.

ירושלים, 27סטער אַפּריל, 1989

משה עטינגער / ניו־יאָרק

## אַ זעאונג

געווידמעט פריידלען

אַ פייער וויגט זיך אַרויס
פון אונטער די בערג פון גליל
און גאַנצט זיך צו אַ פולער לבנה.
זי וואַרפט אַ ליכטיקן שליאַך
אויפן פלאַך פון ים
און באַלייכט אים
מיט רחליס כנרת—ליד.
ווער איך נשתומם;
ווער איך צעגליט
און פאַל מיט מיין פנים
צום ראַנד פון ים
זע איך אין זיין טיף
אַ גאולה—פלאַם
און אַרום אים
פּליטים, פון — תש״א—תש״ה,
אַלע זיי וועבן
פון דאַס ניי
דאָס געוואַנט
פון לעבן.

איך הייב זיך אויף און קוק
פאַרשווינדן איז דער שליאַך;
נאָר דער בלוי שטאָלענער ים
פּליסט האַפּטיק און שטיל
אין האַרץ פון גליל.

טבריה, תשמ״ו

## בטחון

ויהי
ס׳איז געווען
נאָך גאָר אין אַלטע טעג
האָט דער וועג געשפּרייזט
אויף פיס פון טראָף
צו מאַמע—לשונדיקן באַשאַף
און געזאַלבט זיין קרוין
אויפן קאָפּ פון פאָלק.

ויהי
וועט געשען
ווי שוין פילמאָל געווען
וועט זי מלכותן
און בליען ווי א רויז
אין פרילינג גאָרטן
און פאַרדעקן אַלע
טעמנע שאָטנס.

וועל איך אויפוויקלען
די אַלטע יריעה
און אריינשרייבן
איר יחוסדיקן נאָמען
פאַר אַן אנהייב
צו דעם נייעם
דברי הימים.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך צו ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

"HESHBON" — G. FRYDMAN, *Fin. Secretary*

337½ No. Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

פאַרוואַלטונג „חשבון“ Phone: 655-1292

עקיבא פישבין / פּאַריז

# יצחק אַנטשער — אַ בן־תשעים.

יצחק אַנטשער, דער גרויסער יידישער קינסטלער פון דער רומפּולער ״עקאָל דע פּאַרי״ איז יונג געוואָרן 90 יאָר; כ׳זאָג — יונג געוואָרן — ווייל נישט אויף זיין נשמה און כאַראַקטער האָבן יאָרן אַ שליטה. איז דען וויכטיק, סוף — כל — סוף, ווו מען האַלט מיטן חשבון פון יאָרן? אַז דעם מענטשנס עלטער קומט פּאַקטיש צו שאַצן לויט זיין כאַראַקטער און נישט לויט דער אָפּגעלעבטער צייט. אַנטשער, וואָס כאַפּט די מראה פון זיינע ״העלדן״, די דעמבעס, אַרום וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן, איז מזכה געוואָרן מיט אַ יונגער נשמה — אַ נשמה פון אַ תמימותדיק קינד, וואָלט איך געזאָגט, וואָס עפנט ברייט די אויגן, די פאַרוווּנדערטע, און קוקט אויפן בריאת — עולם מיט אַ נישט געשטילטער התפּעלות.

אָט נעמט — מיט אַ צייט צוריק האָט אַנטשער, אין אַ פאַרדריסלעכן פאַרפאַל, צעבראָכן אַן אבר און אָפּגעלעגן אין די שפּיטעלער אַ מאָנאַט צען. אָבער גלייך נאָר, ווי ער האָט זיך באַוויזן צוריק אין דער היים, האָט ער אַ נעם געטאָן זיך צום פּענדזל און גענומען מאָלן די בלומען, וואָס מען האָט אים אונטערגעטראָגן ביים איבערטרעטן די שוועל פון זיין שטוב. איר זעט — אָט דאָס איז אַנטשער!

מילא, דעם טייערן אַראָמאַט פון בטחון, וואָס פליסט אזוי לויטער און ניגונדיק אין זיין קונסט, דאָס — ווייסן מיר — איז פון זיין פרומער היים אַ מתנה. ער האָט די מתנה, ווי אַ צידה לדרך, מיט די תפילין צוזאַמען איינגעפּאַקט, און אַוועק אין דער פרעמד. אָבער די נשמה זיינע — פון וואַנען קומט צו אים אַ נשמה אַזעלכע?

אַן אַלטע תלמודישע מעשה דערציילט, אַז ביים מלך דוד צו קאָפּנס איז געהאָנגען אַ וווּנדערלעכע פידל; און ווי נאָר ס׳איז געקומען צו חצות, האָט א ווינטעלע די סטרונעס פון דער פידל באַרירט און די פּראַכטפולסטע טענער האָבן דעם חלל פון דער וועלט אָנגעפילט. האָט אַ פאַרצייטיקער מגיד געדרשנט אַ מאָל, אַז דער דאָזיקער וווּנדערלעכער פידל, דאָס איז די נשמה פון דוד המלך גופא. ענלעך, הענגט עד היום ביים קינסטלער אַנטשער צו קאָפּנס אַ וווּנדעלעכע פידל. אמת, אַ פידל פון אַ באַזונדערן מין — דאָס איז דער פערעסעטשנער וואַלד, וואָס האָט זיין קינדהייט און יוגנט איינגעוויגט. ווי נאָר ס׳טוט אין אַנטשערס דמיון אַ דערמאָנונגס — ווינטל פון וואַלד די ביימער אַ צעוויג, צעזינגען זיך די סטרונעס פון זיין האַרץ און נעמען וועקן דעם כוח היצירה. דער אָ פערעסעטשנער וואַלד, וואָס האָט באַזוימט זיין יידיש — בעסאַראַביש שטעטל — דאָס איז אַנטשערס נשמה גופא!

אדרבא, טרעפט, אויף טשיקאַוועס, ווען אונזער קינסטלער איז אויף דער וועלט געפאַלן? געוווען איז דאָס אין אַ פראָסטיקן ווינטער — טאָג. די ביימער האָבן זייערע צווייגן אין אַ תפילה צעוויכערט — הושע — נא! — האָבן זיי ביי די הימלען רחמים געבעטן. דאָס איז אויסגעפאַלן אין דעם טאָג פון ראש — השנה לאילנות, בחמשה עשר בשבט. גלויבלעך, האָט מען זיך אויף דעם ביימער — צעוויכער אין די הימלען דערבאַרעמט, ווייל דער מלאך הדומה, וואָס האָט אַנטשערן אַ שנעל געטאָן אין דער נאָז, האָט אים איינוועגס אַ קוש געטאָן אויך אין דער רעכטער האַנט, כדי דער פּענדזל וואָס ער וועט האַלטן אין דער האַנט, זאָל ביי אים זינגען, ווי אַ פידל, — ווי די וווּנדערלעכע פידל ביי דעם מלך דוד צו קאָפּנס. און זאָל די קונסט זיינע רעדן רייד און זאָגן: — זע, בן — אדם, וואָס גאָט האָט באַשאַפן פאַר דיר!!! באַוווּנדער די אייביקע האַרמאָניע פון

בריאת — עולם; דעם בטחון פון כסדרדיקער באַנייאונג. מענטש! לאָז אָפּ דעם כאַאָס, וואָס דו האַסט צוגעטראַכט — ער טראָגט די זוימען פון דיין אונטערגאַנג!

און מען האָט אים אַראָפּגעשיקט, אַנטשערן, צו זיין מקום ילידה, ער זאָל דער משורר ווערן פון וואַלד און פעלד, פון בוים און בלום. נו, אַז אַ מלאך הייסט, איז נישטאָ קיין ברירה... מאָלט ער אַזוי, אַנטשער, מכמה, כמה יאָרן פּייזאַזשן, שטיל — לעבנס, בלומען, ענטעריערן. אָבער אַ מאָלער, אַ מייסטער, איז ער קודם — כל פון פּייזאַזש.

לאָמיר אונטערשטרייכן; אויף זיינע פּייזאַזשן האָט מען זיך שנעל דערקענט. דער באַרימטער קונסט — סוחר, זבאָראָווסקי, וואָס האָט מפורסם געמאַכט סוטין און מאָדיליאַני; ער האָט דער ערשטער געשלאָסן מיט אַנטשערן אַ קאָנטראַקט. אַ גרויסער קאָלעקציאָנער, וואָס האָט געזאַמלט לייוונטן פון אוטרילאָ און מאָדיליאַני, האָט ביי אַנטשערן געקויפט אַ סך, אַ סך בילדער. אויך איז די קונסט — קריטיק געוואָרן אויף אים שנעל אַ מבין. פון די ערשטע האָט אים באַמערקט און זיינע מעלות אָפּגעשאַצט דער געהויבענער נאָמען אין דער קונסט — וויסנשאפט, דער קינפּטיקער באַלעבאַס פון לוווער אין פּאַריז — זשערמען באַזען. ער האָט געשריבן: "אַנטשער איז אַ פיינער און אַ ביז גאָר ערלעכער פּייזאַזשיסט. ער האָט אויף דעם געביט באַוויזן אַ מיוחסדיקע און סימפּאַטישע קונסט צו שאַפן. אין אַ תקופה פון הוילע נאָכלויפער איז דאָס אַ גרויסער זכות." (ל'אַמור דע ל'אַר, מאי 1931, ז. 211) אַזעלכע ווערטער מצד איינעם, וואָס ווערט געשאַצט פאַרן בעסטן קענער פון קאָראָ, דעם גרויסן פּייזאַזשיסט פון 19=טן י.ה., איז שוין גאָרנישט קיין קלייניקייט.

געשריבן וועגן אַנטשערן האָבן אַזעלכע מבינים גדולים, ווי לעאָן בורע, שאַבאַנאָן, מאַקסימיליאַן גאָטיע, וואַלדעמאַר זשאָרזש און סך אַנדערע. שבחים רק האָבן געהאַט אַלע פאַר זיינע פּייזאַזשן. אַ פאַרטיפטן בליק ביז גאָר האָט אויף זיי געוואָרפן וואַלדעמאַר זשאָרזש. ער האָט אַרויסאַנטפּלעקט פון דאָרט דעם פונק פון יידישן גייסט, די באַזונדערע יידישע פאַרטראַכטקייט. און דאָס האָט ער געהאַלטן פאַרן עיקרדיקן שטריך פון דעם אָ "וויזיאָנער, וואָס מאָלט גלייך פון נאַטור — מאָטיוו".

ווייטער פון אים גייט מענדל מאַן, דער יידישער שרייבער. ער פילט אין אַנטשערס "מאָלעריי דעם איינפלוס פון בעל — שם — טוב'ס תפילות, פון לוי יצחק'ס געזאַנגען און די ריינע קלאָרע אויגן פון אַ דאָרפס — ייד בעת ער איז אויסגעגאַנגען "שמונה — עשרה" לעבן אַ בוים און דערוויל געכאַפּט אַ בליק אויף גאָטס — וועלט... אַזאַ ערדיש ליידנשאַפטלעכע נאַטור — ליבע ביי אַ יידישן קינסטלער — פירט אויס מ. מאַן — איז אַ זעלטנקייט".

אייגנטלעך, וואָס איז דער חידוש אַזוי גרויס, וואָס אַנטשער, דער פּערעסעטשנער ייד, דער ייד פון פּרק און תהלים, נעמט אַרום דעם בריאת — עולם מיט אַ ציטערדיק רעליגיעז געפיל? אַז נאָך פאר דעם, ווי ער האָט מיט נייגער זיך אַריינגעביסן אין די ווערק פון זיינע מייסטער — קאָראָ, קורבע, סעזאַן — האָט ער ביים בראַצלאַווער געהאַט שוין געלערנט וואַכע אויערן אויפצושטעלן פאַרן וווּנדערלעכן ניגון פון דער וועלט. האָט דאָך דער בראַצלאַווער אים געלערנט, אַז יעדעס אָרט האָט זיך זיין ניגון, יעדעס גרעזעלע זיין זמר, און אַלץ זינגט שירה צו דעם בורא עולם. ס'איז אַ זכיה, האָט אים ר' נחמן געלערנט, צו הערן די שירות ותשבוחות פון גראָזן און געוויקסן, מחמת ביימער, גראָזן און געוויקסן זענען אין דער בחינה פון הייליקע נשמות.

וואַרפט, אדרבא, אַ בליק אויף אַנטשערס אַ פּייזאַזש, וועט איר זען פון ר' נחמנ'ס רייד די פעולה. אַנטשערס אַ בוים דערלאַנגט לשון — פאַרמאָגט אַ נשמה. אַפילו זיינע ענטעריערן, די שטוב — זאַכן, רעדן רייד און האָבן אַ נשמה. זענען דאָך ביי אים די

ענטעריערן אויף פּייזאַזשן; פּייזאַזשן פון אַן אָפּגעשלאָסענעם ד'אמות. פּאַנעוועט דאָרט די זעלבע לירישע פּאָעזיע, ווי אין די פּייזאַזשן פון דער דרויסנדיקער נאַטור.

אָבער וועלכער קינסטלער קען זוכה זיין צו אַ שמיעה דעם זמר פון דער וועלט צו באַנעמען? דערויף גיט שוין אַנטשער אַליין אַ תשובה אין זיין אַרבעט "וואָס איז אַזוינס קונסט". קודם ציטירט ער דעם צדיק ר'פּנחס קאָריצער: "היט אייך צו זאָגן ליגן, דאָס איז אַ גרויסע עבירה. דאָס איז אַ חטא דורך וועלכן איר קענט נכשל ווערן, איר זאָלט אייך די ביינער נישט קענען אויסגלייכן". ווייטער, טוט ר'פּנחס לערנען: — "אָן עניוות הייבט די שכינה אָן זיך אָפּצוטאָן פון מיר". און דאַן קומט שוין ר'יצחק אַנטשער אַליין און מאַכט דעם אויספיר: "אַ קינסטלער מיט געפיל און התלהבות, וואָס זוכט עניוותדיק דעם אמת — דער איז זוכה צו באַנעמען די שירה פון דער נאַטור!"

הכלל, אונזער בעל — תשעים איז אַ קינסטלער פון דעם סגאַל. אַ רודף אמת, פּשטות און עניוות, איז ער באַשאָנקען מיט אַ ים פון געפיל; און התלהבות שטעקט אין אים, גלייך ווי אין אַ פאַרברענטן חסיד. האָט טאַקע ער די זכיה ארויסצואַנטפּלעקן דעם ניגון פון דער וועלט. זיין יצירה איז אַ וואונדערלעכער גרוס פון אַ מכניס אורחימדיקער ערד, באַשאַפן פאַרן מענטשלעכן מין. זיינער אַ פּייזאַזש איז אַ פּליסטערנדיקער אויסזינג פון אַן אינטים צונויפגעלעבטן מאָמענט מיט דער נאַטור, וואָס ער וויל פאַרבאַהאַלטן פאַר זיך, ווי אַן אָנדענק, און שענקען אַנדערע אַ מתנה. מחוץ דער סצענע פון נאַטור — בריאה איז זיין פּייזאַזש דער רעאַלער קאַדער, דער טאָג — טעגלעכער, פון דעם אחריותדיקן מענטש פון פּראַצע, וואָס שייערט איין די פּרוכט פון זיין ערלעכער מי. אָט למשל, שטייען אויף זיינס אַ לייוונט אַ פּאָר איינצלנע ביימער, אַ דרויסן פון אַ דאָרפישער פערמע, אַ פאַבריקע באַוועגונג פון עופות; אַ פּויער גייט מיט התמדה צו זיין אַרבעט. מחוץ אַ רעזערוואַר פון פאָרמען און פאַרבן, איז דער בריאת — עולם פאַר אונזער קינסטלער אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון צוטרוי צום נאַטור — מיליע.

ס'וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז אַלץ איז ביי אַנטשערן אזוי געמיטלעך, אזוי פּאַסטאָראַל און אידיליש. פאַראַן גענוג ביי אים בילדער מיט שווערע טומאַנעדיקע האָריזאָנטן; בילדער דראַמאַטיש אָנגעלאָדענע, וואָס פאַרציען אַ ניגון פון טרויער, דאָרט אָבער איז אַנגסט און פאַרצווייפלונג נישט בנימצא. אַנטשער איז אַ ייד פון בטחון! ער ווייסט, אַז ווי אין לעבן, אַזוי אין דער נאַטור — נישטאָ ס'זאָל זיין כולו שמחה, אָבער אויך נישט כולו טרויער. די נאַטור, וואָס ער מאָלט קען פירן מיטן מענטש אַ מאָל אַ ברוגז; זי איז אָבער נישט שינאהדיק צום מענטש, נייערט ווי אַ מאַמע איז זי און פריינדלעך.

יאָ, אַנטשער איז אין זיין שאַפונג אַ רעאַליסט; ער האַלט זיך אָבער ווייט פון נאַטוראַליזם. בהסכם מיט דער דעה פון זיין רבי קאָראַ: "נישט פאַרלירן חלילה דעם ערשטן איינדרוק, וואָס האָט אונז גערירט", גייט אים נישט, אַנטשערן, אזוי ווייט אין יעדן פּרט, ווי אין דער פּאָעטיש לעבעדיקער טראַנספיגוראַציע, וואָס זאָל דעם פּירוש פון עמאָציע דערלאַנגען. "נישט די נאַטור דאַרף ער (דער קינסטלער) נאָר דאָס בילד, וואָס ער האָט מיטן געפיל איבערגעלעבט, — זאָגט אַנטשער אין זיין שריפט, — דער קינסטלער גיט איבער די שיינקייט און די האַרמאָניע פון דער נאַטור דורך זיין גייסטיקן אַפּאַראַט, דורך זיין אייגענער נשמה".

די דימענסיע פון אַנטשערס אַ פּייזאַזש איז די טיפע מענטשלעכלקייט. גוט איז דעם קינסטלער ווייט פון דער שטאָט, ווייט פון מעכאַנישן טומל. אים ציט צו דער שלווהדיקער שטילקייט פון דער נאַטור, צום ערלעכן פאָלק פון דאָרף. צו דער סימפּאָניע

**שיע טענענבוים** / ניו־יאָרק

# דר. נחום גאָלדמאַן און "משיח"

איך בין היינט ביינאַכט געווען אין "באַרביזאָן פּלאַזאַ" ביים אָוונט פון דר. נחום גאָלדמאַן. ער האָט רעפּערירט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין די קאָמוניסטישע לענדער — פּוילן, רומעניע, אונגאַרן און יוגאָסלאַוויע. ער האָט אויסגעזען בלייך און פאַרמאַטערט. בשעת ער האָט אַזוי גערעדט אויסגעשפּעטרהייט, האָב איך זיך דערמאָנט אין אַן אַנדערן נאַציאָנאַלן עסקן וואָס האָט אויך גערעדט זייענדיק מיד און פאַרמאַטערט: וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי. געווען איז עס אין אַנטווערפּן אַרום דעם יאָר 1929, בשעת די פּאָגראָמען אויף יידן אין חברון. אַ פאַרביטערטער נביא איז געשטאַנען אויף דער בינע און ער האָט, נישט געקוקט אויף זיין פיזישער מידקייט, געדונערט איבער די קעפּ פונעם פיר טויזנט קעפּיקן עולם אין "רובענס פּאַלײַ", ער האָט יעדעס מאָל פאַרבראָכן מיט צאָרן זיינע געשטאָלטע פויסטן איבער זיינע קניעס. דער עולם איז געוואָרן פאַרכאַפּט און פאַרכישופט פון די מעכטיקע רייד פון דער דאָזיקער היסטאָרישער פּערזענלעכקייט...

בשעת דר. נחום גאָלדמאַנס פּאַטעטישן באַריכט פון די ידישע קהילות אין די אייראָפּעישע לענדער, האָט זיך ווידער באַוויזן דער אַלטער ייד פון ברוקלין, וועלכער דערשיינט תמיד בשעת שטורעמדיקע ציוניסטישע פאַרזאַמלונגען. ער מאַרשירט אַריין פּלוצלינג אויף דער בינע אַ באַוואָפנטער מיט דעם צאָרן פון די פאַרצייטישע ידישע דורות און ער שרייט אויס אַז ער איז משיח. עס ווערט אַ גרויסער טומל. יונגעלייט באַוויזן זיך און זיי ווילן אים מיט צאָרן אַרונטערשלידערן פון דער בינע. אָבער ער האָט שוין זיינס אָפּגעטאָן. פאַוואָליעדיק שפּאַצירט ער זיך אַרונטער פון דער בינע און ער מישט זיך אויס מיטן עולם. ביסלעכווייז ווערט אַלץ צוריק רואיק אַזוי ווי פריער. דר.

---

פון גרין אין פעלד, צום קופּערנעם רויט פון האַרבסטיקן וואַלד. דאָרט איז אים גוט! די אָ מקומות דערמאָנען אים די ערטער פון זיין היים; דעם פּערעסעטשנעם וואַלד, וווּ ער פלעגט חלומען וועגן גליק פאַרן מענטשלעכן מין.

מיר שטייט פאַר די אויגן אַן אַקוואַרעל, וואָס אַנטשער האָט געשאַפן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק בעת אַ זומער — אָפּרו, — אַ האַלבער רונד הויכע ביימער. רעכטס, אין דער טיף, אַ גרויס צוויי — שטאָקיק הויז באַדעקט מיט אַ דאַך רויטע שינדלען. האָבן די ביימער צו זיך אויסגעשטרעקט די צווייגן, גלייך ווי אַקסל צו אַקסל וואָלטן זיי מיט אַ חסידיש — חדווהדיק טענצל די דאַטשניקעס געגאַנגען מקבל פּנים זיין. פרייד איז אַן אָנשטעקנדיקע זאַך, אַ סברה. ווייל ווען די ליכט האָט דאָס דערזען, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן, און העל באַלויכטן קודם דעם גאַנצן ברייטן שטח פאַר די ביימער, אַז זעען זאָלן די ביימער, ווו אַ "פּוס" צו שטעלן. און איצט שפּעטער, האָט זי זיך דורכגעריסן דורך דער ביימער — געדיכטעניש און מיט שאַרפקייט צעליכטיקט דאָס גאַסט — הויז. ס'טייטש, ווי מעג זי, די ליכט, פאַרפעלן אַ קבלת — פּנים פאַר מענטשן, וואָס קומען אויסרוען די ביינער?...

— — —

איז לאָמיר'זשע ווינטשן דעם יונגן בעל — תשעים אונזערן אַ געזונטן אריחת — ימים, אַ סך פרישקייט און שעפערישקייט נאָך — עד מאה ועשרים!

נחום גאָלדמאַן קען שוין מסתמא דעם אָנגעצונדענעם ייד. „משיח" איז דורך די יאָרן פון יידישער היטאָריע געוואָרן אַלט. ער גייט קוים מיט דער הילף פון אַ שטעקן וואָס איז פאַרוואַקסן מיט געשוואָלענע סענקעס. זיינע אויגן זיינען אַזוי ווי אויסגעלאָשענע. אַזאַ איינזאַמער פאָרט דער משיח צוריק אַ היים מיט דער סאָבוויי כדי צו וואַרטן אויפן קומענדיקן ציוניסטישן מאַסן — מיטינג.

אין דרויסן, אין דעם פראָנט פונעם אימפּאָזאנטן האָטעל, איז געשטאַנען אַן אַלטער ייד מיט אַ שילד אויף וועלכן מען האָט געקענט זען פאָטאָגראַפיעס פון די נאַצישע שחיטות אויף אומגליקלעכע יידן. אַנדערע יידן פונעם ברוקלינער עולם האָבן זיך געכעסט און געשריגן אויף דר. נחום גאָלדמאַן: „פאַרעטער!"

אָבער איך אליין האָב געזען אין אים אַ מאַן מיט אַ העכערן גייסטיקן באַגאַזש; דער לעצטער מאָהיקאַנער פון די גרויסע און אוניווערסאַלע טריבונעןביים וועלט — יידנטום; אַ מאַן מיט אַ ריזיקער ענערגיע און דעם טאַלאנט פון אַן עלעגאַנטן שטאַטסמאַן; אַ מענטש מיט ברייטן קינסטלערישן געשמאַק און פאַרנעם; אַ ראָמאַנטישע פערזענלעכקייט וואָס האָט אויך ליב גראַציעזע און שאַרמאַנטע פרויען; וואָס געניסט כבוד, רייכקייט, פייערלעכע אויפנאַמעס אין פרעמדע לעדער און די געזעלשאַפט פון הויכע לייט, שרייבער און שטאַטסמענער. עס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע זכיה אים צו הערן רעדן אויף זיין תמיד קולטור — רייכן און געשפּאַנטן אופן.

שפּעט אין דער נאַכט בין איך אַ היים געגאַנגען מיט געדאַנקען וועגן דער טראַגישער און פאַנטאַסטישער יידישער געשיכטע. אַלערליי מחשבות האָבן זיך ביי מיר געמישט אין מוח: דר. נחום גאָלדמאַן און דער אַלטער ייד, דער „משיח" פון ברוקלין וואָס גייט מיט אַ שטעקן ביי דער זייט; זאב זשאַבאָטינסקי וואָס האָט אין יאָר 1929, רעדנדיק וועגן די טראַגישע קרבנות אין חברון, פאַרענדיקט זיין לענגערע רעדע מיטן טראַדיציאָנעלן אויסגעשריי „שמע ישראל" — דעם אַלטן יידישן אויסגעשריי וואָס האָט געמאַכט ציטערן די ווענט פונעם ריזיקן זאַל צוזאמען מיט די הערצער פון דעם אומגעוויינטלעכן עולם, פונקט ווי אַ מאָל, מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען די יידישע פּרינצן — גלאַדיאַטאָרן האָבן אין רוימישן קאָלאָסעום אויגעשריגן פאַרן טויט, קעמפנדיק מיט בלוטדורשטיקע חיות „שמע ישראל!" הערצו ישראל איבער אַלע טיילן פונעם פּלאַנעט ווו אונדזער פאָלק קרעכצט און שמאַכט...

איך דערמאָן זיך דאָס אלץ ווידער. עס האָט זיך כמעט גאָרנישט געענדערט. „משיח" איז שוין מסתמא זינט לאַנג געשטאָרבן אין ברוקלין. דר. נחום גאָלדמאַן איז דורך זיין גאַנצן לעבן גערודפט געוואָרן דורך די יידן גופא פאַר זיין גלאַנץ און ראָמאַנטישן פאַרנעם אויף די בינעס פון דער וועלט. אָבער ער איז געבליבן שטיין ווי אַ פּרינץ אין דער יידישער געשיכטע. מנחם בעגין זעצט פאָר די וויזיע פון דעם נביא, גענעראַל און אָרגאַניזאַטאָר פון דער „יידישער ארמיי". אָבער אין סאַמע גרונט פון דער זאַך איז אפשר אַלץ געבליבן ביים אַלטן. אָנשטאָט אונדזער פאַרצייטישער גאָט פון די נביאים זאָל זיך צו אונדז דערנענטערן, דערווייטערט ער זיך... ער פרעמדט זיך אָפּ פון אונדז... מיר האָבן אין די אַלטע בערג און פעלדזן אויסגעהאַמערט אַ לאַנד ווי אַ סקולפּטאָר מיט געוואַלדיקער קראַפט און פאַנטאַזיע. אָבער אויך דאָס האָט אונדז ווינציק געהאָלפן. ביי יעדן נאַציאָנאַלן מיטינג; נאָך יעדן פאָרום; נאָך אַ מלחמה מיט שווערע מענטשלעכע קרבנות, זע איך אין דמיון ווי עס שפּאַנט מיטן הילצערנעם שטעקן דער אַלטער ייד און ער שרייט אויס פאַרן אויפגערעגטן און ענטוזיאַסטישן עולם: „איך בין משיח!"

דער היציקער עולם וויל אים אַרונטערשליידערן פון דער בינע, אים לינטשן. אָבער ער גייט אַרונטער מיט געלאַסענע טריט ווי נישט אים וואָלט מען געמיינט, און דער אויפגערעגטער עולם „באַרואיקט" זיך ווידער, אַזוי ביזן קומענדיקן מיטינג...

ניו־יאָרק, 18־טער אויגוסט, 1983

**שלום שטערן** / מאָנטרעאל

אין ליכטיקן אָנדענק
פון מיין סאָניען.

* * *

סאָניע, מיין ליב — האַרציקע, אויסדערוויילטע פרוי.
דיין יונגער טרוים —
אַ ליכטיק זילבערנע טרער פון טוי.

מיינע סטראָפן געשניצט
אין טרויער, אויף דיין פריען פאַרגיין.
פאַרקריצט אויפן קאַלטן לייב
פון שטומען מצבה — שטיין.

אויף אַ וועג, אין עלנט פון איין — אַליין,
האָבן זיך באַגעגנט אונדזערע טרוימערישע טעג.

געווען איז אונדזער ליבע אַ נס —
אַ ביימעלע אין טוי,
אויפן בלוי פון בעז.

דיין ליבשאַפט קוואַליק און ריין
אין מיר וועסטו זיין
ביז דעם לעצטן טאָג
פון מיין פאַרגיין.

**חיים פלאָטקין** / ניו־יאָרק

# ס׳לאַנד פון טרעבלינקע

...צו די געבליבינע מניינים
פון מיין דריימילאָניקן שטאַם
אין פוילן —
דאָס לאנד פון טרעבליקע
ברענט נאָך דער צאָרן — דאָרן פלאם!

פון מיינע אור —
אור —
אורזיידעס
די דור — דורותדיקע רינגען
פון דער טויזנטיאָריקער געשיכטע
זיי פאַרמעקן,

פאַרווישן די שפּורן
וווּ עס רוען די ביינער
פון אונדזערע באָבעס און זיידעס,
ברוקירן די גאַסן
מיט זייערע מצבֿות;
איך הער ווי עס קלאָגן,
און קדיש זאָגן
די פאַרשוועכטע שטיינער.

פוילן — ס'לאַנד פון די גרוילן,
וווּ מיין וויגל איז געשטאַנען —
אויב מוחל זיין די רוצחים
זאָל די לופט מיינע לונגען,
סם — המותדיק —
מיין האַרץ פאַרברענען!

1972

## משה גורין / חולון

# לאָמיר ווערן

לאָמיר ווערן ווי די שטערן
פונקען גאָלד פאַרלאָפענע,
אין הונדערט יאָר אַרום וועלן מיר זיך טרעפן
האַלב וואַך און האַלב פאַרשלאָפענע.

מיר וועלןביידע זיך דערקענען
לויטן ריר און לויט די גענעצן,
ס'וועלן לאַנג שוין זיין צעוואָרפן.
די סימנים פון די גרענעצן.

וועלן מיר דאַן הויך אַ רוף טאָן:
די גאַנצע וועלט — אַן אייגענע!
די אויגן וועלן מיט בלוי פון זומער
זיין באַשטראַלט, פאַרצויגענע.

אַ כליפּע פרייד באַלעקט פון טרערן
און די קעפּ—פאַרסנאָפּט, פאַרפּויערטע
לאָמיר ווערן ווי די שטערן:
פינקלען לאַנג, פאַרדויערטע.

מערץ, 1988

**מחברים ווערן געבעטן, אויב מעגלעך, אַריינשיקן כתב־ידן געשריבענע אויף אַ שרייב מאַשינקע. שיקט בלויז די ערשטע קאָפּיע (אָריגינאַל), נישט קיין "זיראַקס".**
**אַ דאַנק**

לילי בערגער / פּאַריז

# די צעשיידטע

## דערציילונג

סאָניאַ האָט די גאַנצע זאַך געהאַלטן בסוד סודות. אי פריער, אי אַפילו שפּעטער. ס׳איז איר נישט לייכט געווען זיך נישט אַרויסצוכאַפּן אַמאָל מיט אַ וואָרט. נאָר ווי האָט איר מאַמע געהאַט געזאָגט? בעסער זיך אַ ביס צו טאָן אין צונג איידער אויספּלאַפּלען וואָס מ׳דאַרף נישט. נאָר דער סוד האָט גענעסטעט אין איר ווי אַ שווערע מחלה. ווי האָט זי געקענט אים אַרויסוואַרפן פון זיך, אַ פּיפּס טאָן צומאָל דערוועגן אַז קאַטיאַ מיט וועלכער זי איז דורכגעגאַנגען קאַלטס און וואַרעמס און סתם געווען איר ווי אַ לייבלעכע שוועסטער האָט זי באַשווירן קיין פּיפּס נישט צו טאָן און זי האָט איר געגעבן אַן ערן — וואָרט צו האַלטן דאָס מויל.

ווען זי, סאָניאַ האָט נאָך פינף יאָר זיך אומגעקערט פון קאַלימאַ, האָט קאַטיאַ נאָך געהאַט צו פאַרבלייבן צען יאָר. דעם ״קינדערישן״ פּינפּיאַריקן אורטייל איז סאָניאַ אָפּגעקומען נישט פאַר אייגענע נאָר פאַר איר מאַנס ״זינד״. ״נישט מעגלעך — האָט מע געטענהט — זי זאָל נישט האָבן געוווּסט וועגן זיינע פּירעכצן״.

קאַטיאַ דאַקעגן האָט געהאַט גאָר אַ שווער פּעקל אויף זיך. זי האָט נאָר וואָס געהאַט געענדיקט אויפן אוניווערסיטעט דעם פאַקולטעט פון כעמיע, געהאַט דאָס גליק גלייך באַשעפטעקט צו ווערן אין אינסטיטוט פון כעמיע, נישט ווי סאָניאַ וואָס האָט זיך דערווייל געלאָזט ווויל גיין. אָבער זי האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס און פאַר ווען זי האָט זיך געפונען אויף אַ רשימה צוזאמען מיט אַ צענדליק כעמיקער פון אינסטיטוט. פאַרנומען געוואָרן מיט זיי צוזאַמען, געשטעלט געוואָרן פאַר אַ משפּט און טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין אַלדע שוואַרץ יאָר. (אירע עלטערע קאָלעגן האָבן צווישן זיך אין דער שטיל געטענהט, אז מ׳האָט אין דעם אַלדע שוואַרץ יאָר זיך גענויטיקט אין כעמיקער, איז דער גורל געפאַלן אויף זיי).

נאָך פיר יאָר, אין עלטער פון זיבן און צוואַנציק יאָר, האָט קאַטיאַ ווי אַנדערע פרויען אין דעם אלדע שוואַרץ יאָר פאַרלוירן דאָס מאָנאַטלעכע און די גערדיכטע בלאָנדע האָר זענען אַלע מאָל שיטערער געוואָרן ביז דער מיטן קאָפּ איז גאָל געוואָרן און אַרום האָבן נאָכגעהאָנגען ווי שפּנוועבס דינע הערעלעך. אויף דער יונגער בלאָנדער קראַסאַוויצע איז אַרויפגעקראָכן די עלטער. זי האָט זיך דאָך געטרייסט: איר ראיה איז פאַרבליבן אומבאשעדיקט בעת ביי די אַנדערע אחים און אחות לצרה האָבן די כעמישע סובסטאַנצן קעגן וועלכע ס׳זענען נישט געווען קיין באַשיץ — מיטלען אַרויסגערופן אויגן — קראַנקהייטן און אָפּטמאָל בלינדקייט.

קאַטיאַ האָט נאָך 15 יאָר געקאָנט זיך אומקערן אַ היים. אָבער קיין היים האָט זי שוין נישט געהאַט. די עלטערן און אַנדערע משפּחה — מיטגלידער זענען אומגעקומען בעת דער מלחמה. יאָ, גרישא. זיי זענען געווען, די און סאָניאַ — צוויי סטודענטינס — ער דער דריטער. מ׳האָט זיי גערופן ״די טראָיקע״. ער איז געווען אין איר, קאַטיאַן, פאַרליבט איבער די אויערן. סאָניאַס מאַן דער מאַטעמאַטיקער, וועלכער פלעגט אַלץ באַצייכענען מאַטעמאַטיש, פלעגט זאָגן, אַז גרישאַ איז פאַרליבט אין קאַטיאַן נישט הונדערט פּראָצענט, נאָר צוויי הונדערט פּראָצענט. אָבער דעמאָלט איז זי געווען אַן אַנדערע. ווי באַווייזט מע זיך מיט אַזאַן אויסזען? מיט אַזאַן פּנים? מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ?.

זי האָט אויף זיינע בריוו נישט געענטפערט אַזוי לאַנג ביז ער האָט אויפגעהערט צו שרייבן. קאַטיאַ האָט שלום געמאַכט מיט איר גורל. באַזעצט זיך אין סיבירישן שטעטל

קיימאַ, ווו זי האָט באַקומען ארבעט אין אַ קינדער — שולע אַלס לערערין פון כעמיע, צוגעוווינט זיך צום קלימאַט, צו נייע מענטשן, געפונען צווישן זיי צומאָל גוטע פריינד. סאָניאַן, דער איינציקער, מיט וועלכער זי האָט זיך איבערגעשריבן, האָט זי געגעבן צו פאַרשטיין, אז ס׳מוז שוין אַזוי זיין. מענטשן לעבן ״דאָרט״ אויך, פאַרוואָס זאָל זי נישט קאָנען דאָרט לעבן? פאַרקערט, דאָרט פילט זי זיך נישט קיין אויסנאַמיקע: אין איר היימשטאָט וועט זי זיך פילן אויסטערליש פרעמד, זשעניר, פאַרמינערט אין דער אַמאָליקער אומגעבונג.

די איינציקע פעדים, וואָס בינדן זי מיט דער אַלטער היים איז זי, סאָניאַ און אַן אַלטע, איינזאַמע מומע, דער מאַמעס אַ שוועסטער, וועמען זי ענטפערט פון מאָל צו צומאָל אויף אַ בריוול. און אָט האָט זי דער מומעס לעצטע בריוול צעטרייסלט: זי וואָלט גליקלעך געווען זי צו זען פאַרן שיידן זיך מיט דער וועלט, צו האָבן וועמען איבערצוגעבן די ירושה. פון דער ירושה לאַכט זיך קאַטיאַ אויס, אָבער צי קאָן זי לאָזן די ראַק — קראַנקע שטאַרבן אין איינזאַמקייט? האָט דאָך די מומע אַמאָל זי געהאָדעוועט. ס׳האָט זיך איר דערמאָנט אירן אַ פּראָפעסאָרס אַן אַרויסזאָג: פאַראַן צווײ גליקן פאַר אַ מענטש, אַ פערזענלעך גליק און דאָס גליק מיט וועלכן מ׳קאָן גליקלעך מאַכן אַ צווייטן מענטש״... שרייבט דען נישט די מומע, אַז זי צו זען פאַרן טויט וואָלט געווען איר איינציק גליק וואָס זי וואָלט געהאַט אין לעבן?

אויב איר אליין איז נישט באַשערט געווען צו האָבן אַ פערזענלעך גליק, זאָל זי כאָטש דעראָבערן דאָס גליק וואָס דער מאַמעס קראַנקע, איינזאַמע שוועסטער וועט דערפילן מיט איר אָנוועזנקייט ביים צעשיידן זיך מיטן לעבן.

קאַטיאַ האָט זיך געאײלט און געקומען אַ צענדליק טעג איידער די מומע האָט אויסגעהויכט די נשמה. די קראַנקע האָט דאָס ערשטע מאָל זינט איר קראַנקייט געשמייכלט, געשעפּטשעט: כ׳בין גליקלעך וואָס כ׳זע דיך, און קאַטיאַ האָט מיט אַלע חושים דערפילט דאָס גליק וואָס זי האָט פאַרשאַפט דער שטאַרבנדיקער מאַמעס שוועסטער.

* * *

— ביסטו געקומען, פאַרבלייב. די גלקן וואָס דו האָסט דאָרט וועסטו נישט באַדויערן. קענסט זיך דאָ גוט איינאָרדענען — האָט סאָניאַ אריינגערעדט אין איר.

— כ׳האָב דאָך מורא זיך צו באַגעגענען מיט אַמאָליקע באַקאַנטע, מיט... מיט אלעקסאַנדראָוויטשן.

— אוי ווי דו טרייבסט איבער! גרישאַ אַלעקסאַנדראָוויטש איז שוין אויך נישט דער זעלבער, זיך אויך געעלטערט. די יאָרן בלייבן ביי קיינעמען נישט שטיין. קיינער פון אונדז איז נישט דער זעלבער ווי געווען. מיינסט, אַז גרישאַ האָט דאָ געלעקט האָניק. כ׳האָב דיר דאָך געשריבן; זיין קורצער צוזאַמענלעבן מיט דער משוגענער טאַמאַרקע האָט געלייגט אויף אים אַ שווערן שטעמפּל. זינט ער איז פטור געוואָרן פון דער יאַכנע לעבט ער ווי אַ נזיר. שוין לאַנג אים נישט געזען. קלינגט אַפילו נישט. ווען ער פלעגט אַמאָל אַרויפקומען, האָט ער אויך פריער נישט אָנגעקלונגען. ווייסטו פאַרוואָס? ער האָט נישט געטראַכט ארויפצוגיין. שפּאַצירט אין דערנעבנדיקן גאָרטן איז אים איינגעפאַלן זיך אַרויפצוכאַפּן, וועט ער מיך טרעפן איז גוט, נישט איז אויך גוט. אַזוי האָט ער מיר אויפגעקלערט די זאַך, און דו האָלסט זיך ביי דיינס: נישט ווייזן זיך, נישט ווייזן זיך פאַר אַמאָליקע באַקאַנטע, ווי דו וואָלסט עמעצן עפּעס שולדיק געווען, ווי דו וואָלסט שולדיק געווען פאַר דיינע...

קאַטיאַ האָט איר איבערגעריסן:

—אָבער מיין אויסזען! ווי אַזוי ווייזט מען זיך מיט אַזאַ אויסזען?!
—הער, מיין טייערע, אַן אויסזען קאָן מען ענדערן. דאָס פּנים קאָן מען פלעגן, ביסט נישט אין קיימא, קיין טיכל אויפן קאָפּ וועסטו אויך נישט מוזן טראָגן. כ׳האָב שוין וועגן אַלעמען געטראַכט. קום אַרויף שבת 4 אַזייגער. מיר וועלן וועגן אַלעמען דורכרעדן.
—ס׳וועט קיינער נישט זיין ביי דיר?
—קיינער, מיר וועלן זיין אַליין און אַלץ אַרומרעדן, וועסט ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך.

* * *

דער אַפּריל — טאָג איז אויפגעשטאַנען אַן אָנגעכמורעטער, ווי ס׳וואָלט זיך געקליבן אויף אַ רעגן. דער פאַרוואָלקענטער הימל האָט זיך משונהדיק באַוועגט, דאָ האָט זיך צעשפּרייט אַ העלע גרויקייט און פאַרדעקט דעם פרילינגדיקן בלוי, געווירמלט זיך אַזוי לאַנג ביז פרילינגדיקע ווינטלעך האָבן פאַריאָגט די כמאַרעס און דער הימל האָט זיך אויסגעצירט אין ווייס—בלוי. די זון, א גלאַנציק גאָלדענע, האָט ביסלעכווייז גענומען אין איר רשות דעם גאַנצן פירמאַמענט.

קאַטיאַ איז דאָס מאל געשטאַנען לאַנג פאַרן שפּיגל, לויט די אָנווייזונגען פון סאָניאַן אָנגעשמירט דאָס פּנים מיט אַן אָנגעבאָטענעם קרעם און אַן שום דערפאַרונג געפּרווט אויסגלעטן די הויט. פון אונטערן העלן בערעטל האָט זי דאָס מאל קונציק אַרויסגעשאַרט אַ ביסל האָר און געפּרווט זיי צעשפּרייטן כמו אַ גזשיווקע. זי האָט לאַנג געקוקט אין שפּיגל, באַוועגט מיטן קאָפּ הין און צוריק און כמעט צופרידן געווען פון איר אויפטו. דער העל—גרויער, נייער קאָסטיום, אַ דערוואָרבענער שוין אין דער אַלט—נייער היים, האָט דער אַמאָליקער שלאַנקער און פון לאַנגע יאָרן איינגעשרומפּענער פיגור צוגעגעבן אַ ביסל עלאַסטישקייק. צומאָל די מאָסקווער נייע שיך אויף ווייבערישע קנאַפּל און דער דאַמען—טאַש, א מתנה פון סאָניאַן, האָבן איר צוגעגעבן אַ ביסל ווייבלעכקייט. זי האָט זיך געדרייט פאַרן וואַנט—שפּיגל און כמעט זיך נישט דערקענט. ״סאָניאַ וועט דאָס מאָל זיין צופרידן פון מיר״ — האָט זי זיך געטראַכט. דאָס האָט זי דאָך פאַר איר, פאַר סאָניאַן זיך אַזוי אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק. זי ווייסט, זי ווייסט, אַז סאָניאַ נעמט זיך שטאַרק איבער מיט איר אויסזען, מיט איר גאַנצן פירן זיך. ״אַ מענטש טאָר קיימאָל נישט רעזיגנירן, מ׳דאַרף אַזוי לאַנג קעמפן מיט זיך ווי לאַנג מ׳האַלט זיך אויף די פיס״ — רעדט אין איר אַריין סאָניאַ. זי זעט, אַז זי עסט זיך בפירוש אָפּ די גאַל צוליב איר האַלטונג. מילא, איר אויסזען איז נישט איר שולד, אָבער איר פּאַסיווקייט, איר רעזיגנאַציע, דאָס פאַרטראָגט סאָניא נישט. נו, וועט קאַטיאַ איר איצט פאַרשאַפן אַ ביסל פאַרגעניגן; איז זי דען נישט איר איינציקער נאָענטער מענטש?

* * *

פינקטלעך דריי אַ זייגער איז קאַטיאַ אריין אין גרויסן, פינפשטאָקיקן הויז. פאַר דער ווינדע האָט זי געטראָפן שטיין אַ מאַן פון אַ נישט באַשטימטן עלטער. די ברייטע שאַטינענע באָרד איז געקראָכן ביז אויף די באַקן—זייטן. די וואָנסעס קוים צוגעשוירן, די האָר אויפן קאָפּ אָן אַ היטל געדיכט דורכגעוועבט מיט זילבערנע פעדים. אַ נאָז אַ ביסל אַ שפּיציקע, אַ שטערן אַ הויכער, אויגן אומעטיקע. ער האָט לייכט אַ שאָקל געטאָן צו איר מיטן קאָפּ און זי האָט אָפּגעענטפערט מיט אַ נאָך לייכטערע באַוועגונג מיטן קאָפּ.

ווען די ווינדע איז אָנגעקומען האָט ער אויפגעמאַכט דאָס טירל און דזשענטלמענעריש געזאָגט פּאָזשאלוסטאַ. ער האָט צוגעמאַכט די ווינדע און געפרעגט

אויף וועלכן שטאָק זי דאַרף. ווען ער האָט זי אַרויסגעלאָזט די ערשטע, האָט ער מיט לאַנגזאַמע טריט געשפּאַנט דורכן לאַנגן קאָרידאָר און זיך אָפּגעשטעלט ביי דער זעלבער טיר ווי קאַטיאַ. זי האָט אַ ביסל אַ דערשראָקענע געכאַפּט אַ קוק אויף אים. ער האָט מיט אַ בלאַסן שמייכל אַ זאָג געטאָן "איר גייט אויך צו סאָניאַ יאַקאָוולעוונאַ?" ווען סאָניאַ האָט אויפן צווייטן קלונג פון עלעקטרישן גלעקל געעפנט די טיר, האָט דער מאַן מיט דער רונדער באָרד אַריינגעלאָזט פריער די פאַר אים פרעמדע פרוי און אריין נאָך איר.

סאָניאַ, דערזעענדיק זיי ביידע צוזאַמען איז בלאַס געוואָרן, געעפנט דאָס מויל ווי אַ געשריי צו טאָן, באַלד צו זיך געקומען און מיט פרייד אויסגעשריען:

— מאַמעלעך! ווי איך בין גליקלעך אייך צו זען צוזאַמען! קאַטיאַ, פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט, אַז דו קומסט מיט גרישאַן? האָסט זיך אויסגעלערנט אויך פאַר מיר צו האָבן סודות. און דו גרישאַ האָסט אויך סודות פאַר מיר?

ביידע געסט זענען עטלעכע מינוט געבליבן שטיין פאַרשטומט. קאַטיאַ, אַ צעטומלטע האָט מיט ברייט צעעפנטע אויגן און מיט אַן אָפן מויל געשוויגן און דאָס שווייגן איז געווען אַ שטומער געשריי. גרישאַ האָט זיך פריער אָריענטירט אין דער סיטואַציע און אויסגעשריען: "דאָס איז קאַטיאַ?! וואָס פאַר אַ צופאַל! קאַטיאַ! קאַטיושאַ! ענדלעך דיך אָפּגעפונען. ער האָט אויסגעצויגן צו איר זיינע לאַנגע הענט, אַריינגענומען זי אין זיינע אָרעמס און געמורמלט: "קאַטיושענקאַ, קאַטיושענקאַ, פאַרוואָס אַנטלויפסטו פון מיר?

קאַטיאַ האָט אַזוי לאַנג געשוויגן ביז דער שטומער געשריי איז איבערגעגאַנגען אין אַ שטילן כליפּען.

סאָניאַ, אַ צערודערטע, אַ פאַרלוירענע איז צו זיך געקומען און אָנגעהויבן זיך פאַרענטפערן פאַר קאַטיאַן:

— קאַטיאַ טייערינקע, ס׳איז נישט מיינס אַ שפּיצל. כ׳האָב בלויז דיך אַליין פאַרבעטן און נישט אים. דאָס האָט דער רבונו של עולם איינגעזען, אַז גענוג געהאַלטן סוד. דאָס וואָס גרישאַ איז פונקט געקומען מיר אָפּשטאַטן אַ וויזיט, נישט קלינגענדיק צו מיר וועגן דעם, איז פשוט אַ גאָט זאַך.

גרישאַ האָט באַשטעטיקט: "יאָ, יאָ, אַ גאָט זאַך". ער האָט זיך אָבער אויך פאַרענטפערט: געגאַנגען שפּאַצירן אין גאָרטן ווי געוויינלעך איינער אַליין, איז מיר איינגעפאַלן אַרויפצוגיין צו סאָניאַן און אויב איך טרעף זי אין שטוב פאַרבעט איך זי אויף אַ שפּאַציר. און אַז איך און קאַטיאַ האָבן זיך נישט דערקענט איז פאַר מיר נישט קיין שום איבעראַשונג. וויפל יאָר איז דאָס שוין? מיר האָבן זיך ביידע געענדערט, אָבער קאַטיושאַ איז פאַר מיר די זעלבע, די זעלבע.

— נו, זעצט אייך, זעצט אייך — האָט סאָניאַ זיי פאַרבעטן.

גרישאַ האָט צוגערוקט זיין שטול צו קאַטיאַן, אַריינגענומען אירע אויסגעדאַרטע הענט אין זיינע פעסטע דלאָניעס און אַ קוש געגעבן איין האַנט, די צווייטע און שטיל געמורמלט: "אַ חלום, אַ גוטער חלום אויף דער וואָר".

סאָניאַ, אַ פאַררויטלטע, אַן איבערגענומענע מיט דער אויסטערלישער געשעעניש, האָט שוויגנדיק דערלאַנגט כיבוד. ס׳האָט די צוויי געסט אָפּגעריסן פון חלום, געבליבן אויף דער וואָר. אָבער קאַטיאַ האָט נאָך אַלץ געשוויגן, דערנאָך געענפערט בלויז מיט אַ יאָ און אַ ניין.

* * *

נאָך יענעם שבתדיקן טאָג האָט סאָניאַ אויף רעכט גענומען קאַטיאַן אין די הענט. קודם איז זי אַוועק מיט איר צו איר פריזירער, אַ מענטש מיט גאָלדענע הענט און אַ גאָלדן

האַרץ. ער האָט איינגעלייגט וועלטן צו געפינען מיטלען צוצופּאַסן צו קאַטיאַס ביסל פאַרבליבענע האָר אַ האָר — דעקל פאַרן שפּיץ קאָפּ און אויסמאָדעלירן אַ "נאַטירלעכע" פריזורע, זי זאָל קודם זומער נישט דאַרפן טראָגן די "קופקע", ווי ער האט גערופן איר בערעטל, אָדער אַ טיכל אויפן קאָפּ, ווי מע טראָגט "דאָרט". ער האָט אַקצענטירט דעם דאָרט. ער האָט צומאָל אָנגעהויבן צוטראַכטן אַ געמיש פון סובסטאַנצן, אפשר וועט דורך דעם אויסוואַקסן אַ ביסל האָר. ער האָט אויך געגעבן אַן עצה צו וועלכן דאָקטער מ׳דאַרף זיך ווענדן, כאָטש ער האָט געהאַט מער צוטרוי אין זיינע אייגענע רפואות, נאָר שאַטן קאָן דאס נישט צו פרעגן אַן עצה ביי א דאקטער — ספּעציאַליסט.

סאָניאַ האָט נישט גערוט. זי מוז קאַטיאַן דערפירן צו אַ מצב זי זאָל זיך נישט פילן מינדערווערטיק. גרישאַן האָט זי דערוייל געהאַלטן פון דערווייטנס פון אַלע אירע מאכינאַציעס, ער האָט אָבער בחוש געפילט, אַז צווישן סאָניאַ און קאַטיאַן טוט זיך עפּעס. ער האָט סאָניאַן אָנגעבאטן דעם האָנאָראַר, וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט באַקומען פאר זיינס אַ שול — בוך ווענן כעמיע. זי האָט נישט אָפּגעזאָגט. קאַטיאַ וועט דערוועגן נישט וויסן.

— ווערסט זי אַ ביסל באַקליידן, כ׳ווייס ווי אַזוי מע קומט פון "דאָרטן".

די דערפאַרענע סאָניאַ האָט אים געעצהט:

— שטיי צופיל נישט צו צו איר, זי מוז צו זיך קומען, זי קומט דאָך פון אַן אנדער וועלט. זי האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעטשאדעט.

קאַטיאַ האָט זיך טאַקע געפילט ווי זי וואָלט אַריינגעפאלן אין אַן אנדער וועלט. א פאַרלוירן, פאַרבלאנקעט קינד, וואָס האָט נאָך לאַנגע, אויסטערלישע בלאָנדזשעונישן זיך געלאָזט פירן דורך אַ וואַרעמער מאַמעשער האַנט צוריק אַ היים. צו די איריקע, וואָס זי האָט שוין לאַנג געהאַט אַרויסגעריטן פון איר האַרץ.

* * *

סאָניאַ האָט אַ פריידיקע אריינגערעדט אין סעלעפאָן — טרייבל:

— גרישאַ כ׳בין שוין אויף אַ גוטן וועג. אייערע שמועסן דורכן סעלעפאָן וועלן שוין נישט דאַרפן פאַרטרעטן קיין שמועסן פּנים אל פּנים. איך פאַרבעט אייך ביידע אויף מיטאָג צו מיר אין שטוב.

— קאַטיאַ איז איינגעגאַנגען? אייגנוויליג אָדער...?

— איינגעגאַנגען, איינגעגאַנגען אייגנוויליג. זעט שוין אנדערש אויס. ווערסט איצט זיכער אויף ס׳ניי זיך פאַרליבן אין איר.

— נישט אויפגעהערט צו זיין פאַרליבט אין איר.

אין אַ חודש שפּעטער האָט סאָניא זיי באגלייט אין "זאַגס" צו פאַרעגיסטרירן זיך ווי אַ פּאָרפאָלק.

---


אַבאָנירט און שטיצט

**חשבון**

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע.

אַבאָנימענט: $8,00 אַ יאָר.

**חנן קיעל** / ניו־יאָרק

# זיי הענגען אויף די צווײַגן

גאָלדענע פאַרוועלקטע בלעטער קענען זיך נישט שיידן
מיטן בוים, מיטן טאַראַס פון מיין הויז,
אויפן ראָג די רוישיקע גריידן;
אין אומעט האַרבסטיקן זיי הענגען אויף די צווײַגן
ווי מאָטילן ציטערדיקע אין אָוונטיקן שווײַגן.

קראַנק און אָפּגעדאַרט, די זאַפטן אויסגענאָגט
בלעטער פלאַטערן, זיי האַלטן זיך ביים לעבן קוים
נאָר ווילן זיך נישט אָפּרייסן פון בוים.

יעדער טאָג איז אַן אילוזיע, אַ שאָטן פון געדײַ
אַ זכר פון אַ זומערדיקן רעגן — שפּרײַ
אין ווײַסן בערן — שלאָף, אין שנייאיקער פאַהילונג
וועט ריזלען אין זכרון דער שפּראָץ פון בלויען מאָרגן
דער חלום — טוי אין פרילינג.

צעפלויגן זיינען יונגע טעג, ווילדע פייגל — טשאַטעס
געבליבן איז אַ בעטלער — בוים געקליידט אין אַלטע שמאַטעס.

ער קוקט אַריין אין מיינע גלעזערנע מחשבות
און דערקענט אַליין זיך ווי אין שפּיגל.
בלעטער געל — פאַרוויאַנעטע דאַרפן נישט קיין פליגל.

# מאַנהעטן

די לבנה אויפן הימל — דאַך
באַוווּנדערט די קליינע טשאַרלי שטאַפּלינס
קאָמישע אין געדראַנג, די יאָלדישע פּאָעטן,
ס׳געיאָגעניש פון אויטאָס אין טראַפּיק ווילדן
פון מאַנהעטן.

אויפן עמפּייר — טורעם הוידעט זיך די איינזאַמקייט,
אַ סטראַשידלע פאַר די נייגעריקע שטערן,
די געבײַען — סנאָבן מאַכן זיך נישט זען און נישט הערן.

סימפאָניע הייזעריקע פון מולטי — קאָליריקער
מענטשן — טשאַטע
פייער — נשמות אין געפלי
שווינדלדיק דערשראָקענע געלויפן
אין אֵין — סופיקן נישט — הי,
פרעמד — נעפלדיקע בני — אדם דערקענען נישט היינט
אַן אייגענעם פּשוטן פריינט.

דאָס בין איך. פאַרבליפּט איך צייל די ליכט–פענצטער
ביזן טורעם — דאַך פון עמפּייר — געבײַ

די וויזיע פון מיין צעשויבערטן חלום איז קראַנק
און אָפּגעשוואַכט
אונדזערע לידער זינגען פון היץ
אין צעפּיבערטער מאַנהעטן–נאַכט.

## זכרונות וועלקן נישט

בגילופינער חלום אין געבענטשטן זכרון
היימלאָזע ווינטן, צעבאַלעוועטע שניי–טומאַנען
זיי ווייסן נישט פון קיין גרענעצן, קיין צאַמען, קיין אויפהער,
אין פּיאָלעטער פלאַטערן נאָך מיינע יונגע פליגל
אונטער זון לאַכן געטער, ווילד — צעכוואַליעטע שעהען
און ביי נאַכט צאַנקען אין מיר אַלע פאַרשוואונדענע נישטאָען.

זכרונות מיט גאָלדענע גראַבליעס אָנגעהויפטע
וועלקן נישט אין האַרבסטיקן פאַרגאַנג, פריִרן נישט
אין אייזיקע סיבירן. וואָגלדיק זיי געדייען.
ווי בין איך בטוח מיט מיינע גלויביקע אילוזיעס, לידער–רויזן,
וואָס ווייסן נישט ווּהין זיי אַנקערן אין סוף יאָרטויזנט.

אויף שפּיץ–טורעמס ליכטיקע דרעמלען נעכטיקע טרוימער
אַרכיטעקטן פון גלעזערנע הייזער, רוים–שיפן אָן היימען,
פון אָפּגעכוימלטן הימל–לייטער כ׳בין דער לעצטער שומר.
גאָט פון אַלע גאָט–זוכער, אויף דיינע בלויע שטראָזן פיר מיך
באַין ברירה אין שאָטן–טאָל פון יענע פאַרהוילענע אַין–סופן,
נאָר לאָז מיר איבער דעם בגילופינעם חלום–בעכער
פון געבענטשטן זכרון און היילנדיקע לידער–סטראָפן.

**רבקה קאָפּע** / פּאַריז

## ווען כ׳עפן די אויגן

כ׳וועל אַוועקגעבן אַלע ערדישע רובינען
פאַרן בלויען הימל–פאָרהאַנג אויף מיין שויב
עס רעדט צו מיר דער וואַנדערער פון באַגינען,
און איך צו אים אין בלאַסק פון אַ טוי.

איך פיל דעם ריח פון סעלעדין מיט ראָז פאַרשפּינט,
גאָלדשפּיזלין העקלען איבער מיין בעט אַ באַלדאַכין,
די אויגן איך פאַרמאַך פון גאָטס ליכט פאַרבלינדט
און שווים אַריין מיט מיין חלום אין באַגין.

לייב מלאך

# דער קאַמף צווישן אָקס און מענטש *)

## א.

איך האָב געוואָלט זיין "אָריגינעל" אין מיינע שפּאַנישע רעפּאָרטאַזשן און — וועגן אָקסן — קאַמף נישט שרייבן.

ווער שרייבט עס נישט און ווער באַזינגט עס נישט. ווער באַדויערט עס נישט און ווער לויבט עס נישט?

וועלכער לעזער, וועלכער קינאָ — גייער האָט עס נישט געלייענט און געזען אַן אָקסן — קאַמף?

די שפּאַנישע טאָראָס!

איך האָב עס טאַקע געוואָלט אַרויסלאָזן.

נאָכמער: איך האָב אַפילו לכתחילה נישט געוואָלט גיין זען די "טאָראָס", ווייל אויך דערמיט האָב איך געוואָלט אונטערשטרייכן מיין "אָריגינעלקייט". ווייל וועלכער גאַסט, מעג ער אַפילו זיין אַ צער. בעל — החיימניק, מעג ער אַפילו זיין אַ וועגעטאַריער, וועט ער זיך נישט אָפּזאָגן כאָטש איינמאָל צו זען אַן אָקסן — געפעכט, צו זען די "ווילדקייט פון אַ פאָלק".

---

ניט אַלע מאָל איז דער הימל בלויער טינט פאַר מיין ליד,
כאָטש איך רעד צו אים ווייך, נאָר ער ווי אין געלעסטער
און צערייצט שפּייט אַריין אין מיין געמיט
און איך די פויסטן אים בייל מיט ליפּן פאַרפּרעסטע.

נאָר אָפט צינד איך זיך אָן פון אַ וואָלקנדל אַ ריינס,
וואָס טאָקט ארויס פון מיר ניגונים.
פאַרווישט ווערט באַלד דער גבול, מיר ווערן איינס
אינעם ליכט פון גאָטס פּנים.

## די אלעע פוןביימער

מיין יעדער האָרוואָצל
פילט די בוקעטלעך
ראָז — רויטע בלעטלעך
וואָס טראָגן כינעזער קערשן;
אַזאַ גערעטעניש
טוט די גאַנצע אַלעע באַהערשן.

דער פריליג שוואַנגערט
און באַפּעלקערט
מיט בלענדיקע קאָלירן
און פרידלעכע געדאַנקען
פּאַראַדירן סימעטריש

אויף די ביימער.

לאָמיר זיי ניט שעדיקן
מיט אונדזער טראָט
און נעמען ווי אַ געבאָט —
פון די נאַטור — טראַכטן
פון אַלע פריליגג — פּראַכטן.

ס'רעדל דרייט זיך, דרייט —
נאָר אַ שאָד,
וואָס צייט
לויפט איבער
צייט!..

איך וואָלט נישט געגאַנגען, הגם, אַז אַזוי לאַנג ווי מען האָט נאָך נישט אָפּגעשאַפֿט די שחיטות צווישן פֿעלקער און אויף פֿעלקער, דאַרף מען זיך נאָך נישט פֿאַרנעמען מיט אָקסישן יושר. דאָך, איך בין געגאַנגען, ווייל, נו יאָ, ווייל אין שפּאַניע, געשעען איצטער זאַכן, וואָס ענדערן דעם גרונט — געזעץ פֿון איר פּסיכיק. דאָס קירך־געפֿיל איז טיפֿער געוואָרצלט ווי דער אָקסן — קאַמף, און דאָך נייגט זיך אָפּ די מאַסע, אַפֿילו די אָפּגעשטאַנענע און פֿאַרפֿינצטערטע, פֿון דער קירך און גלח. אויך דער ענין קעניג און מאָנאַרכיע איז געווען פֿעסט — איינגעוואָרצלט און דאָך בענקט נאָך דעם קיינער נישט, אויסער די מאָנאַרכיסטן, צוליבֿ פֿאַרלוירענע טיטולן און פֿאַרמעגנס, נאָך יענע מאָנאַרכיסטישע צייטן.

און, נישט צו פֿאַרגלייכן, די אַנאַרכיסטישע אידעאָלאָגיע, וואָס איז געפֿעסטיקט צווישן די שפּאַנישע אַרבֿעטער — מאַסן, הויבט אויך אָן נאָכלאָזן, אונטער דעם דרוק פֿון דער צייט. קאָן דאָך זיין, אַז אַ סך מנהגים וועלן ווערן אָפּגעווישט, באַגריפֿן און אידעאָלאָגיעס וועלן ווערן צונויפֿגעשמאָלצן מיט נייע, מיט מער רעאַלע.

קאָן דאָך אויך זיין, אַז די רעגירונג פֿון פֿאָלקס — פֿראָנט וועט דורך אַ דעקרעט, אָדער דורך אַן אָפּשטימונג אין פֿאַרלאַמענט אָפּשאַפֿן אָט דעם דאָזיקן נאַריש בלוטיקן שפּיל, דעם קאַמף צווישן מענטש און אָקס, און איך וועל פֿאַרלירן די געלעגנהייט כאָטש איין מאָל אַזאַ מין געפֿעכט ביי צו זיין.

צי וואָלט זיך עמעצער אויף מיין אָרט דען אָפּגעזאָגט, לאָמיר זאָגן, כאָטש איינמאָל צו זען אַ גלאַדיאַטאָרן קאַמף? אַ געראַנגל צווישן מענטש און לייבֿ?

כ'בין מודה: איך האָבֿ אָקסן — קאַמפֿן געזען גאַנצע דריי מאָל! און ביי יעדן קאַמף האָט מען אַוועקגעלייגס פֿינף אָקסן. אַלזאָ, מיינע אויגן האָבן געטרונקען דאָס בלוט פֿון פֿופֿצן אָקסן.

איך בין געגאַנגען דריי מאָל דאָס זען, נישט דערפֿאַר, ווי שלום אַש שרייבט, אַז נאָך יעדן "קאַמף" איז ער געוואָרן אַזוי בלוטדורשטיק ווי יעדער שפּאַניער. ניין, איך האָבֿ נאָך יעדן "קאַמף" געמוזט אויסטרינקען אַ האַלבע פֿלאַש קאָניאַק און ס'איז אַ סברה, אַז איך וועל זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פֿון עסן פֿלייש... איך בין געגאַנגען זען דאָס צווייטע מאָל "טאָראָס" דערפֿאַר, ווייל נאָכן ערשטן מאָל האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס זענען נישט די "ריכטיקע" קאַמפֿן. נישט קיין שטאַרקע אָקסן און נישט קיין געניטע שטעכער... דאָס אייגענע האָט מען מיר געזאָגט נאָכן צווייטן אָקסן — קאַמף, און דער איינציקער "אונטערשיד" ביי מיר צווישן ערשטן מאָל און דריטן מאָל איז, וואָס ביים ערשטן מאָל האָבֿ איך באַצאָלט צוויי פּעזעטן פֿאַר אַ בילעט און ביים דריטן מאָל — גאַנצע צען פּעזעטעס.

ווייטער איז אַלצאיינס געווען: אומעטום איז דער זיגער געווען דער טאָרעדאָ, און ווי אין די אַנדערע "קאַמפֿן" איז דער אָקס, מיט אַ טיפֿע שווערד אין זיין רוקן, געפֿאַלן אין זיין אייגענעם בלוט — טייך, און דאָס "פֿאָלק" האָט ביי אַלע קאַמפֿן געיובֿעלט, געשריגן, פֿאַרשריגן די לעצטע אָקסישע מרוטשען, געפֿאָכעט מיט די ווייסע טיכלעך און באַגריסט דעם זיגער!...

אפשר איז דער דריטער "קאַמף" געווען אַנדערש ווי דער ערשטער אין דער "טעכניק", איך בין דערויף קיין מבין נישט. איך בין מודה, אַז איך האָבֿ זיך נישט אַזוי שטאַרק איינגעגעסן מיט די אויגן אין "קאַמף" ווי די אַלע מענטשן. מיך האָבן טאַקע אינטערעסירט מער אָט די מענטשן, איך האָבֿ געוואָלט פֿאַרשטיין דעם מאַסן — פּסיכאָז, אין איציקן מאָמענט ווילט זיך נישט זיין קיין ווידערשפּעניקער קעגן אָט דער מייעסטעט, פֿאָלק.

יאָ, דאָס איז די פֿינצטערע דערציונג פֿון דורות סאַטראַפּן.

ב

נישטאָ קיין שטאָט, קיין שטעטל, ווו עס זאָל זיך נישט געפינען אַ "פּלאַזאַ דע טאָראָס", אַרענע פאַר אַ געפעכט צווישן מענטש און אָקס.

אין אייניקע שטעט זענען אַפילו פאַראַן צוויי. און די "קאַמפּן" קומען פאָר גלייכצייטיק.

יעדן זונטיק און יומטוב.

אַזוי ציט עס זיך שוין זינט דורות: אינדערפרי אין דער קירכע, בייטאָג אין די "אַרענעס" און אין אָוונט...

יעדער קלאַס לויט זיין מעגלעכקייט.

איך קוק אויף שפּאַניע נישט מיט אויגן פון נעכטן, אַפילו נישט פון היינט, נאָר פון מאָרגן.

די "אָפּגעשטאַנענע" שפּאַניע און דאָס "קולטורעלע" ענגלאַנד האָבן זיך נאָך נישט אונטערגענומען צו רייניקן די אַטמאָספערע.

אַוודאי איז דער הינט געיעג אין ענגלאַנד מיאוסער ווי דער אָקסנקאַמף אין שפּאַניע.

דער הינט — געיעג שמעקט נישט מיט קיין בלוט, אָבער מיט גיריקייט, איינשטעלן אַ פּעני און וועלן געווינען אַ פונט. ס'איז קרעמעריש און כיטרע. אייגן — נוציק.

און אין שפּאַניע, — דער "אָקסן געפעכט" איז... ריטערלעך. קיינער וויל נישט ציען קיין אייגן נוצן (אויסער זעלבסטפאַרשטענדלעך דער "טאָרעראָ", וואָס נעמט "שחיטה געלט" ביז דריי פיר טויזנט פּעזעטעס, און די אָרדנונג, וואָס "פאַרשפּילט" דאָס פאָלק מיט אַזעלכע שפּילן...) עס איז אַ ספּאָרט אַזאַ.

ג.

אין די זונטיק נאָכמיטאָג — שעהן זעט איר, ווי עס "ציט זיך" אַ מענגע פון טויזנטער און טויזנטער פאָלקס — מענטשן. איר דערקענט זיי אין די איינפאַכע טיכלעך, אין די "לאַפּטשעס" מיט די קינדער אויף די הענט, אין אופן פון עסן די געטרוקנטע ניסלעך...

אין שטופּן זיך צו די אַריינגענג. די "אַרענעס", וואָס נעמען אין זיך אַריין טויזנטער און טויזנטער, אָפט צו אַנדערטהאַלבן צענדליק טויזנט מענטשן זענען תּמיד געפּאַקט, פון די לאָזשע ביז דער העכסטער גאַלעריע. עס איז נישט בלויז אַ קאַמפּס — פּלאַץ, נאָר אויך אַ פאַרוויילונגס — בינע. מיטלאַלטערלעכע צערעמאָניעס און רעליגיעזער טשאַד. פאָלק קומט פאַרביק אָנגעטון, וואָס מער פאַרבן. קוקסט זיך אַרום, און דיר דאַכט זיך, אַז נישט מענטשן זענען דאָ, נאָר אַן אויסשטעל פון פאַרשידענערליי בלומען...

און גלייכצייטיק איז עס אַ פּראָצעסיע. אונטן, אויף דער ערד־אַרענע, קיילעכדיק, דאַרף אויפטרעטן אַ יונגער "כהן גדול", ער וועט אָפּריכטן די עבודה... ברענגען דעם בראַנד — אָפּפער פאַר די אויגן פון דער עדה... אויבנאָן, אין אַ לאָזשע, זיצט דער הויפּט, דער פאַרטרעטער פון קעניג. דער קעניג "וואַנדערט אין גלות", נאָר זיין פאַרטרעטער אויף די "טאָראָס" איז נאָך פאַראַן און ער "קיניגט". אַ ספּעציעלער מאַרש, דער "טאָראָס — מאַרש", ווערט אויפגעשפּילט, די ריטער — טאָרעראָס קומען צו רייטן אויף פערד, זיי רייטן צו צו דער "קיניגלעכער לאָזשע", בוקן זיך, צלמען זיך, נעמען די ברכה פון טאָראָס — קיניג, און דער קאַמף הויבט זיך אָן.

עס "טרעט אויף" דער אָקס. ער קאָן זיין ראָלע. עטלעכע טעג האָט מען אים אין פינסטערניש געהאַלטן. מיטאַמאָל פאַלט אויף דאָס טויער, און די זון, די העלע זון, געבאָדן אין די "פּוטערפּאַס" — שטראַלן, גיט אים אַ שלאָג אין די מוטנע אויגן. אַן אָקס, דאָך לאָזט ער זיך צום ליכט, אַ טרינק טון אַ שטראַל. נאָר דער חכם, דער "טאָרעראָ",

שטייט אים קעגן אויג מיט אַן אַמאַראַנט צינטער שאַרפער פּאָלע, אַ שטיק פלאַקער. דער אָקס זעט שוין גאָרנישט, בלויז אָט די בלענדיקע פּאָלע. בלוט — ווײַן, פּייער — רויט. דער אָקס פאַרליידט דאָס נישט און לאָזט זיך דערויף, נישט צו דעם מענטש, נאָר צו דער רויטער פלאַכטע, נאָר דער מענטש איז כיטרע און כאַפּט אַוועק דאָס טוך... און דער אָקס לאָזט זיך נאָכאַמאָל צום רויטן. אפשר געפעלט עס אים, דאָס שפּיל. אָבער דער מענטש איז כיטרע. דער אָקס פירט אַן אָפענעם קאַמף, ער ווייסט נישט פון מענטשנס "געהיימע פּלענער"...דער מענטש צערייצט אים, אין דעם באַשטייט די קונסט". דער מענטש פּראָוואָצירט, ער ציט צו דעם אָקס מיט רויטער פאַרב און "שטעכט אָן" אין אָקס' פלייצע צוויי שפּיזלעך. דער אָקס דערפילט דעם ערשטן ווייטיק, ער דערפילט זיין אייגן הייס בלוט איבער דער פעל. די שפּיזלעך זענען אָבער נישט קיין "געפערלעכע", בלויז ווייטיק דערפילט דער אָקס און ער ווערט ערשט רעכט צערייצט. ער וויל אַרויסוואַרפן פון זיין פעל אָט די שפּיזלעך, ווערט ער ווילד. קעגאיבער אים שטייט אָבער נאָך אַ מענטש, יענער שמייכלט, דעם אָקס טוט ווי און יענער לאַכט. ווער קאָן ווייסן דאָס געפיל פון אָקס, און ווער באַרעכטיקע דען נישט דאָס לאָזן זיך פון אָקס אויפן מענטש? נאָר דער מענטש איז כיטרע. איידער דער אָקס דערנענטערט זיך, האָט ער שוין "צוגעשפּילעוועט" אויף זיין קאַרג נאָך צוויי שפּיזלעך. איצט איז די וווּנד שוין פאַרפּירפּאַכט. און אין צווייטן ווינקל "ווינקט" אַ מענטש מיט נאָך אַ רויטער שמאַטע. דער אָקס זעט נישט זיין בלוט, ער פילט אָבער, אַז דאָס איז דער זעלבער קאָליר פון יענער פּאָלע, און ער לאָזט זיך דערצו... און ווידער "קריגט ער" צוויי שפּיזלעך. אַכט שפּיזלעך "באַקומט ער", דער אָקס, אַכט ווונדן, און די נערוון אין זיין גרויסן קאָפּ זענען צעשפּילט. דאָ הויבט זיך אָן דער "ריכטיקער" קאַמף. דער אָקס איז סיי — ווי דער העלד, ווייל ער אַנטלויפט נישט, ווייל ער איז קיין פחדן נישט, ווי דער מענטש. איבעריקנס, דער אָקס איז איינער, און די טאָרעדאָרן זענען דריי און פיר. פאַר דעם מענטשן איז געמאַכט געוואָרן באַהעלטעניש — ווינקלען אויף דער אַרענע, אָקס קעמפט אומדערשראָקן, דער "טאָרעדאָר" איז אַ גנב. ער האַלט אונטער דער רויטער פאַטשיילע אַ שווערד, דעם אָקס רייצט די רויטע פאַרב און ער ווייסט נישט, אַז אונטער איר איז שוין פאַראַן די בלאַנקע שווערד.

און דער סוף איז, ווי אַלע אַזעלכע סופן. די שווערד פון טאָרעדאָר טונקט זיך איין אין אָקסישן פלייש, טיף — טיף. אַ רויטער פאָנטאַן פון אָקסיש געזונט בלוט, און נאָך דערצו פון אַזאַ בלוט, וואָס איז אַ האַלבע שעה אויפגעקאָכט געוואָרן, זודיק ממש, גיט אַ שפּריץ אין דער זון אַריין.

ביים שפּראָץ פון בלוט — אַ יובעל פון פאָלק! דער העלד נייגט זיך פאַר דער "קיניגלעכער" לאָזשע, אין דער זעלבער צייט אַ געשפּאַן פון פערד שלעפּט אַרויס דעם אָקס פון דער אַרענע. אַ רויטער פאַס פירט צו דער יאַטקע הינטער דעם "קאַמפּס — פעלד". מוזיק שפּילט. דער עולם איז באַפרידיקט.

איך פרעג זיך ביי מיינע שכנים פון ביידע זייטן בעת דער פּויזע, צווישן איין "קאַמף" און אַנדערן:

— און ווי וועט זיין, אַז אין דעם לאַנד וועט קומען יענע גרונטלעכע איבערקערעניש, וואָס איז זייער מעגלעך אין דער נאָענטסטער צייט, וועלן דאַן אויך זיין "טאָראָס"?

דער ענטפער:

— איר זענט אַ פרעמדער, און איר קאָנט נישט אַריינדרינגען אין דער טיפעניש פון דער שפּאַנישער נשמה. די נייע אָרדנונג וועט זיך מיט דעם פאָלקס — סענטימענט מוזן רעכענען, און דאָס איבערלאָזן!

**יוסף ראָגעל** / מאָנטרעאַל

## כ׳האָב ליב די זון

כ׳האָב ליב די זון,
מער ווי מ׳רעדט דערפון.
אין אַזאַ טאָג
ווערט מיר נאָענט דער וואַלד
און כ׳פאַרגעס אַז כ׳בין אַלט...

וויל ווי לאַנג די זון איז דאָ
איז אַן אוצר יעדע שעה,
און גאָלד ווערט
פון אַלץ וואָס איך טו.

אין אַזאַ טאָג
ווערן זוניק מיינע האָר,
און אַלע חלומות ווערן וואָר...

## כ׳ווייס נישט

כ׳ווייס נישט ווי ווייט ס׳איז דער הימל
און ווי טיף ס׳איז דער ים.
כ׳גלייב נישט אין שרייבן סתם.

מיין לעבן איז אַ מעשהלע,
וואָס זאָגט נישט קיין סך;
מיינע טעג — אורחים טרויעריקע,
וו מ׳הערט נישט קיין לאַך...

איך לעב אין הויז אַליין.
ווען ס׳קומט אַ גאַסט
נעם איך אים אויף
ווי ר׳זאָל מיין ברודער זיין.

---

מיין צווייטער שכן:

— דער אָקסן — קאַמף איז נישט מער, ווי אַ מיטל ביי די הערשער פון גרונט־און געלט־באַזיצערישן קלאַס צו פאַרטויבן דאָס פאָלק. מען גיסט אין זיין מאַרך אָט דעם סאַדיסטישן רייץ, כּדי זיינע אויפגעקאָכטע בלוטן אויף דעם אופן אָפּצוּווענדן.

מיטן ענדערן די אָרדנונג ועט דאָס מוזן אויפהערן. נייע שפּילן, נייע פאַרוויילונגען וועלן פאַרטרעטן דאָס אָרט פון אָט די אומגעלומפּערטע קאַמפן!

אַגב, די ראַדיקאַלע פּרעסע שעמט זיך שוין צו ברענגען ידיעות און באַריכטן פון די "טאָראָס".

*)געשריבן אויף דער באַן פון שפּאַניע קיין פּאַריז אין 1936.

**)דעם 19טן יוני 1989 איז געוואָרן דריי און פופציק יאָר זינט ס׳איז יונגערהייט געשטאָרבן לייב מלאך. אין "די ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע, פון יענער צייט, איז דערשינען מלאכס בוך "פון שפּאַניע ביז האָלאַנד" — איינס פון דריי בענדער קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן. צווישן אַנדערע געפינען מיר דאָרט אָט דעם רעפּאָרטאַזש, וואָס כאַראַקטעריזירט אַ יידישן שרייבער אין פאַרגלייך מיט ניט — יידן.

דער וועלט — באַרימטער קינסטלער פּאַבלאָ פּיקאַסאָ האָט אין זיינע אייל — בילדער, נאָכמער אין זיינע צייכנונגען פאַרהערלעכט דעם קאַמף צווישן מענטש און אָקס. אויף אַן אויסשטעלונג אין יו.סי.על.עי. זיינען געווען פינף און צוואַנציק קויל=צייכענונגען פון דעם גרויסן קינסטלער. דער סוזשעט — טאָראָ־קאַמף. גאָר אַנדערש האָט געקוקט דערויף לייב מלאך.

לאָטי פּ. מלאך

**חיים קעניגער** /פּאַריז

# די וואָלקנס בלייבן בלאָ

* * *

געזען אין חלום אַ זעונג:
דורך די פֿאַנצערשויבן —
פֿאַר די אויגן ווי היילונג:
"די מענטשן ליבן זיך ווי טויבן".

באַגילדט פֿון זונענשטראַלן
די פֿרוכטן פֿאַלן ביזן זוים.
פֿון גליק מענטשן שאַלן
ביים פֿאַרצווייגטן בוים.

פֿאַרגעסן ווערט ווייטיק
און ס'קייטלען זיך הענט:
דער צאָרן איז נישט נייטיק
ווען דער שלום קומט פֿאַרבענקט.

איך הער אונטער מיין פֿענצטער
אויף אלע כּלים שפּילן:
ס'קומט דער חלום דער שענסטער
מיין וויי מיט ניגון שטילן.

* * *

דער גייסטיקער שטורעם
ווערט געבוירן אין לעצטע מינוטן.
ער נעמט יעדן אין זיין אָרעם
און פֿאַרטיידיקט צום גוטן.

צו די קעלערן פֿון זכּרון
דערלאַנגט דער שטורעם
און ברויזט צווישן די שטערן,
ווו יעדער זעט זיין פּנים.

אייניק מיט די הימלען,
די וואָלקנס בלייבן בלאָ,
און שטיל, אָן טומלען,
פֿאַרגייט די זון אין אוונט — שעה.

---

## טייערע שורות מיינע

טייערע שורות מיינע,
פֿאַרלאָזט מיך נישט!
בלייבט ביי מיר
היינט, און אַלע טעג פֿון יאָר.
ווייל אַלץ וואָס איך שאַף פֿון אייך
איז הייליק און וואָר.

האַרציקע פֿערזן מיינע,
לאָזט מיך נישט אַליין!
פֿאַרלאָזט מיך נישט!
ווער נאָך ווי איך
קען אייך פֿאַרשטיין.
איך באַציר אייער יעדעס אות
מיט ליבשאַפֿט און חן.

איר, הייליקע שליחים מיינע —
געשיקט פֿון גאָט אַליין.

## צום שכן קומען מענטשן...

צום שכן קומען מענטשן כּסדר,
ווי ס'זאָל אַ חתונה זיין.
צו מיר קומט נישט קיינער.
איך בין שטענדיק אַליין.

זאָג איך אַ תּפֿילה
אפֿשר וועט גאָט זי דערהערן
און מיר
כאָטש אַ טראָפּן פֿרייד באַשערן.

(פֿון דער סעריע: "טרערן פֿון שפּיטאָל")

* * *

כ'בין לעם דיין אומבאַקאַנטן שטיין.
דער נאָמען איז נישט אויסגעקריצט
און ס'שטיקט אין אָטעם א געווין
ווען די נעסט איז אומבאַשיצט.

היינט רעגנט, מאַמע. ס'רעגנט
אויף דיינע בלויע גרויסע אויגן.
די טראָפּנס ווערן מיין פאַרמעגן,
און איך שפּאַן מיטן קאָפּ געבויגן.

קום, מאַמע, דורך נאַכט, פון די ווייטן,
אין דער שפּעטער שעה.
זאָלסט מיך נישט אויסמיידן ;
מיט דיר כ'וועל בלייבן דאָ.

ווי איינער וואָס קען נישט מער
קלעטערן אויפן אייגענעם שייטער,
שטענדיק איינגעהערט
וויס' הילכט די עלנט ווייטער.

* * *

ווילסט אַראָפּלייענען פון מיין פּנים
דאָס געפיל וואָס שטורעמט אין אינגעווייד —
זאָלסטו מעסטן אין עול באַלאָדן מיט עינויים
און פאַרנעמען מיט רחמים דעם באַשייד.

זע ווי כ'בין אין שווייגן באַקליידט
און באָד זיך אין א טראָפּן ליכט,
קאַרג פון הימל באשיינט.

די שטריכן זענען פאַראייניקט,
דאָס ליכט אין בליק צו דערהאַלטן,
און איך, איין—אַלייניק
זוך אין אַלע שפּאַלטן,

נעם צונויף מיין מאַמעס ירושה
איך נע—ונד פאַרלוירן.

סיי דער הספד און סיי די ירושה
אויף די וועגן וואָגלען און הויערן.

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פּראַטערנאַלע און
סאָציאַל-פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין
אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל-
קולטורעלע אוצרות פון אונדזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די
ראַמען פון די ברענטשעס פּראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערער אינפאָרמאַציעס שרייבט צו:

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 South Robertson Blvd. ⊙ Los Angeles, Calif. 90035

(213) 552-2007 : אָדער טעלעפאָנירט

משה שקליאַר

# דער טויט פון אַ "שפּאַנצער"

(פראַגמענט)

די מוזיק וואָס באַגלייט אונדז צום טאַנץ ווערט פלוצעם פאַרהילכט פונעם שול — גלאָק. דאָס איז ער, אונדזער אַלטער פאַן אַנטאָני מיט די לאַנגע וואָנצעס פון אַן אַדלמאַן און קנאָכיקע פינגער וואָס ווען זיי גיבן אַ קניפּ אין באַק בלייבט שטיין אַ בלויער צייכן. יעדער איז ביי אים אַן "איטשלאָק". פון וואַנען דער אַלטער שול — וועכטער האָט גענומען דעם דאָזיקן נאָמען ווייסט קיינער נישט. מיר ווייסן אָבער, אַז ער רעדט אים אַרויס מיט ליבשאַפט און מיר צאָלן אים אָפּ מיט דעם זעלבן. אַז פאַן אַנטאָני קלינגט איז אַ סימן — מען דאַרף זיך פאַנאַנדערגיין אין די קלאַסן.

אויפן שוועל באַווייזט זיך דער לערער גרינבלאַט מיט זיין שטענדיק ברייטן שמייכל אויפן קיילעכדיקן פּנים. מיר באַגריסן אים שטייענדיק מיט אַ כאָראַלן גוט מאָרגן. ער ענטפערט און מיר פאַרנעמען אונדזערע פּלעצער אויף די נידעריקע בענק. דער לערער גרינבלאַט האָט פאַר יעדערן פון אונדז אַ צונעמעניש:

— שלאָפּקופּקע.

— פלוידערזאַק.

— קאָכלעפל.

— יידענע.

דאָס איז פאַר די מיידלעך.

— וואַלגערהאָלץ.

— פּיפּערנאָטער.

— נאָזהאָרן.

— שטעקשוך.

דאָס איז פאַר די יינגלעך.

קיינער נעמט זיך נישט איבער דערפון. בלויז חיהלע שטילמאַן ווערט רויט ווי אַ בוריק ווען דער לערער רופט זי מיט איר צונאָמען. זי טראָגט שטענדיק אויפן קאָפּ אַ טיכל, וואָס זעט אויס ווי זי וואָלט עס אויסגעבאָרגט ביי דער באָבען — אַ שלאָפּקופּקע. נאָר היינט איז חיהלע נישטאָ אין קלאָס. איר פּלאַץ איז ליידיק.

— ווייסט עמיצער פאַרוואָס חיהלע איז נישטאָ? — פרעגט דער לערער גרינבלאַט.

אַ רגע איז שטיל. פלוצעם שפּרינגט אויף פון דער פאַר לעצטער באַנק ביי דער וואַנט שימקע קערנער מיט אַ געשריי: "לערער, ער הרגעט זיך!"

— וואָס זשע אַרט עס דיך, אַז ער הרגעט זיך — רופט זיך אָפּ רואיק דער לערער גרינבלאַט.

— אַז ער הרגעט זיך טוט דאָך דיר נישט וויי. ווער, ווער שלאָגט דיך?

— ער — שרייט נאָך העכער שימקע און ווייזט מיטן פינגער אויף ישראליקן, וועלכער זיצט הינטער אים.

ישראליק איז אַ לאָבוז. דאָס ווייסן אַלע און קיינער וויל זיך מיט אים נישט אָנהייבן. אַפילו נישט דער לערער גרינבלאַט. פאַר אים אָבער האָט ער אַ ספּעציעלן נאָמען: "ישראליק מיטן קראָליק". פאַרוואָס "מיטן קראָליק"? דאָס ווייסן אויך אַלע.

אַנומלט איז ישראליק געקומען אין שול אַריין אין אַ צעריסן רעקל. פרעגט אים דער לערער גרינבלאַט: "ישראליק, וואָס איז געשען? און ער ווייזט מיט אַ פינגער אויפן איינגעריסענעם רעקל. ישראליק קוקט דעם לערער גלייך אין די אויגן און ענטפערט געלאַסן:

—אָ, דאָס? דער לערער מיינט מיין רעקל? דער קראָליק, לערער, דער קראָליק... ביי אונדז אין הויף, אַ קראָליק... כ׳האָב אים געכאַפּט פאַרן עק, געוואָלט זיך שפּילן, האָט ער מיר אַ ביס געטאָן אין האַנט און נאָך דעם אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל...

—פון וואַנען קומט צו אייך אין הויף אַ קראָליק? — פרעגט דער לערער גרינבלאַט.

—וואָס הייסט פון וואַנען? — ענטפערט ישראליק מיט אַ שמייכל. — פון דער בודע. ווייסט דען נישט דער לערער פון וואַנען עס קומט אַ קראַליק? אין דער בודע זענען דאָ אַ סך קראָליקעס. און טויבן אויך.

—נו, גוט — זאָגט דער לערער גרינבלאַט — איצט ווייס איך שוין. ישראליק מיטן קראָליק... וואָס קומט פון דער בודע...

אַלע לאַכן. ישראליק לאָזט אַראָפּ די אויגן אַ פאַרשעמטער.

און אזוי איז עס שוין געבליבן: ״ישראליק מיטן קראָליק״...

ישראליק איז גראָד מיינער אַ גוטער חבר. מיר וווינען אין שכנות. איין הויף נעבן צווייטן. אין דער פרי, פאַרן גיין אין שול אַריין, קלאַפּט ער שטענדיק אין מיין פענצטער — מיר וווינען אין אַ קעלער — שטוב — און ער רופט מיך: ״מאירקע, דו גייסט?״ דעמאָלט כאַפּ איך דעם רוקזאַק מיט די העפטן און ביכער אויף די פּלייצעס און, היידאַ, אין שול אַריין. אויפן וועג כאַפּט ער זיך נאָך אריין, ישראליק, צו ריוועלען אין געוועלבל קויפן צוויי זעמל אויף פרישטיק. זיין מאַמע גיט אים דערויף געלט. זי גיט אים אויך געלט אויף צו קויפן אַ זויערע אוגערקע. פאַר אַ זויערער אוגערקע חלשט ער ממש, ישראליק. אָבער די אוגערקע קויפט ער נישט, ער נעמט זי... ווי אזוי ער נעמט זי? איין מאָל האָב איך זיך צוגעקוקט צו דעם פון דרויסן. ביי דער איינגאַנג — טיר פון געוועלבל שטייט אַ גרויסע פאַס מיט זויערע אוגערקעס וואָס ווייקן זיך אין ראָסל. איז ווי נאָר ישראליק עפנט די טיר, איז זיין האַנט שוין אינעווייניק, אינעם פעסל. דאָס איבעריקע איז שוין אַ קלייניקייט. ריוועלע, ווען זי דערזעט אים, ווייסט שוין אַז זי דאַרף אים געבן צוויי זעמל. בעת זי נעמט די זעמל פון דער פּאָליצע, נעמט ער אַן אוגערקע פון פעסל און... גלייך אין טאַש אַריין. אויף די הויזן ווייזט זיך אַ גרויסע פּליאַמע, גלייך להבדיל ער וואָלט זיך באַ... נאָר אים אַרט עס נישט. ביז דער שול איז נאָך ווייט. אויפן וועג עסט ער אויף די אוגערקע איינער אַליין. דערמיט טיילט ער זיך נישט. דאַקעגן גיט ער מיר שטענדיק אַ שטיקל פון דער שאָקאָלאַד וואָס ער קויפט ביי שמאַיאַן פאַר דעם אָפּגעשפּאָרטן געלט. ער טיילט זיך דערמיט האַלב אויף האַלב. דערפאַר ווייסט ער, אַז איך וועל קיינעם נישט דערציילן וועגן די אוגערקעס. אַפילו נישט מיין מאַמען. דאָס איז אונדזער סוד.

אויך צוריק אַ היים פון שול גייען מיר צוזאַמען, איך און ישראליק. אויפן וועג פאַרהאַלטן מיר זיך ביים הויף, ווו ווישניעווסקי האָט זיין טויבנשלאַק. דאָס איז אויך אונדזער סוד. ווישניעווסקי קען אונדז שוין. אַנדערע יינגלעך טרייבט ער פונעם הויף בעת ער לאָזט ארויס די טויבן פון דער שטייג כדי זיי קאָרמענען מיט הירדזשענער קאַשע און שפּעטער אַ יאָג טאָן אין די הימלען. אונדז ביידן, מיך און ישראליקן, לאָזט ער שטיין אין אונדזער ווינקל פון וואַנען מיר קאָנען אָבסערווירן אונדזערע באַליבטע טויבן. טייל מאָל האָט ער פאַר אונדז אַפילו אַ גוט וואָרט: ״וואָס מאַכט איר, סטודענטן״ — פרעגט ער אַן אויפגעהייטערטער, אונטערשטרייכנדיק דאָס וואָרט סטודענטן מיט אַ שמץ פון חוזק. אָבער דאָס איז נאָר דעמאָלט ווען אים האָט זיך איינגעגעבן צו כאַפּן אַ פרעמדע טויב.

טאַקע כדי זיך צוקוקן ווי אזוי ער כאַפּט אַ ״פרעמדע״, ווישניעווסקי, פאַרהאַלטן מיר זיך ביי יענעם הויף. אַ מאָל כאַפּט ער זי מיט אַ נעץ אָנגעבונדן צו אַ לאַנגן שטעקן בעת די

פרעמדע טויב, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צו אים אויפן דעכל, שטייט צווישן זיין מחנה טויבן און קוקט זיך אַרום אַ דערשראָקענע אין אַלע זייטן. אָן אַנדערש מאָל כאַפּט ער זי מיט לאַנגע צוואַנגען פאַר די פּיסלעך, בעת זי שטייט אויפן דעכל מיט לויזע ברעטלעך און ער פאַרגנבעט זיך אונטער דעם, הייבט אונטער פאַוואָלינקע אַ ברעטל און... צאַפּ. ער האָט זי, די טויב. דאָס האַרץ טוט טאַקע ווי פאַר דער פרעמדער טויב, אָבער מיר ווייסן, אַז זי וועט זיך דאָ גיך צוגעווינען און ווערן היימיש, אַפילו באַפריינדן זיך מיט אַן "ער", אָדער אַ "זי" און אָנהייבן זיך "פּאָרן".

ווען קיין "פרעמדע" צום כאַפּן זענען נישטאָ, קוקן מיר סתם אַזוי אויף די טויבן בעת ווישניעווסקי לאָזט זיי אַרויס פונעם טויבנשלאַק און זיי פליען אַוועק אין די הימלען. מיר האָבן אונדזערע באַליבטע טויבן. איך — מיינע, און ישראליק — זיינע. מיר געפעלט באַזונדערס דער "ווידינעק" — אַ שניי — ווייסע טויב מיט שוואַרצע פלעקן אויף די פליגל, וואָס ווען זי פליט, זעט זי אויס ווי אַ שוועבנדיקע פייל פון זילבער — בלוי וואָס אָט — אָט וועט זי זיך פאַרשטעקן אין דער פאַרגייענדיקער זון. ישראליק איז פאַרליבט אינעם ברוינעם "שפּאַנצער" — דאָס קעפּל און העלדזל ביז די האַלבע פליגל ברוין, און ווייטער — ווייס. ווען זיין "שפּאַנצער" פליט — זאָגט ער — באַוווּנדערן אים אַפילו די טויבן אליין.

הער איך איצט ווי די פליגל פון מיין "ווידינעק" פאָכען איבער מיין קאָפּ און מיר דאַכט, אַז דאָס פליט גאָר אַ מלאך און ער איז געקומען מיר אָנזאָגן עפּעס אַ בשורה. איך עפן די אויגן און זע נישט גאָרנישט אַרום זיך. בלויז שוואַרצע פלעקן. און אין די אויערן אַ גערויש. פאַרמאַך איך צוריק די אויגן און פלוצעם הער איך אַ געשריי וואָס קומט פון ווייט, ווייט. יאָ, דאָס איז ישראליק. וואָס שרייט ער אַזוי? "ישראליק — זאָג איך שטיל — וואָס איז געשען?" "אוי, מאירקע — שרייט ער ווידער — זע וואָס ער האָט געטאָן מיט מיין "שפּאַנצער". "ווער, וואָס — זאָג איך — איך זע דאָך נישט קיין זאַך". "וואָס הייסט ווער — ענטפערט ער שוין אַ ביסל רואיקער — פאַן ווישניעווסקי. ער האָט אים אַוועקגעהרגעט. געהרגעט אויף טויט. דאָס קעפּל אָפּגעריסן..." און איך זע, דאַכט זיך צום ערשטן מאָל, ווי ישראליק וויינט.

איך וויל אים טרייסטן, נאָר איך געפין נישט קיין ווערטער. עפּעס שטיקט מיר אין האַלדז. אַ רחמנות אויף ישראליקן. און אויפן "שפּאַנצער" אויך. כאָטש עס איז געווען ישראליקס טויב פלעג איך אויך, באַהאַלטענערהייט, פון מאָל צו מאָל כאַפּן אַ בליק אויף איר. איצט וואַלגערט זיך דער "שפּאַנצער", באַשפּריצט מיט בלוט, אויף דער ערד און דאָס קעפּל איז אין ווישניעווסקיס האַנט. דער טויבס רויטע אויגן קוקן אויף מיר אַדורך די שפּעלטלעך פון ווישניעווסקיס פינגער און איך הער ווי ער שרייט מיט רוגזה: "וועסט מער נישט זיצן אויף קיין דעכער ווען איך הייס דיך פליען! פרעסן האָסטו געוואָלט און פליען נישט?! איצט וועט מען דיך פרעסן"...

*

אינעם הויף, וווּ פאַן ווישניעווסקי האָט זיין טויבנשלאַק, וווינט חייהלע שטילמאַן. חוץ איר, חייהלען, זענען פאַראַן ביי זיי נאָך דריי יינגערע קינדער. איך ווייס עס, ווייל איר טאַטע איז אַ שוסטער און איך טראָג אַלע מאָל אַהין מיינע שיך צום פאַרריכטן. נאָך איידער איך קום צו דער טיר שפּיר איך שוין דעם פאַרשטיקטן ריח פון שוסטערישן קליי און קרויט וואָס קאָכן זיך אויפן זעלבן קיכל. אויך ווען מיר שטייען מיט ישראליקן אין אונדזער ווינקל פון וואַנען מיר קאָנען זען ווישניעווסקיס טויבן, שפּירט מען דעם זעלבן ריח. ער טראָגט זיך איבערן גאַנצן הויף. היינט איז דער ריח ווי אויסגעוועפּט געוואָרן. עס

הערט זיך אויך נישט דאָס קלאַפּן פונעם שוסטערישן העמערל. שטאָט דעם, דערטראגט זיך צו אונדז אַ ביטער געוויין פון חייהלעס מאַמען, אויסגעמישט מיט קללות: "פון קבר זאָל עס אים אַרויסוואַרפן, ווי ער האָט אונדז אַרויסגעוואָרפן!" "אַ בראָך אין זיינע ביינער און אַ קרענק אין זיין בויך!"

קוקן מיר אַהין פון וואַנען דאָס געוויין קומט און מיר זעען: דאָרט ווו עס וואַלגערט זיך אויף דער ערד די פאַרבלוטיקטע טויב אָן דעם קעפּל, ליגן אָנגעוואָרפן פאַרשיידענע חפצים: אַן אייזערן בעטל און אויף דעם — טעפּ און טעלערס; אַ שעניק און אַ פּוכענע קאָלדרע אין רויטן איבערצוג; דאָס שוסטער—בענקל מיט קאָפּיטעס אונטער דעם און אויף דעם; אַ לאָקשן—ברעט און אַ מעשענער מערזשער צום שטויסן צימערינג און פעפער און נאָך, און נאָך זאַכן, און איבער דעם אַלעם שטייט זי, חייהלעס מאמע, מיט פאַרבראָכענע הענט און קלאָגט און וויינט.

— וועמען שילט זי אַזוי, פאַרוואָס וויינט זי? — פרעג איך ביי ישראליקן. ער קוקט מיך אָן ווי דערשטוינט און זאָגט:

— וואָס הייסט וועמען? אים, דעם ווירט. זעסט דאָך, ער האָט זי אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה.

— וואָס הייסט, אַרויסגעוואָרפן?

— נאַרעלע, האָסט נאָך קיין מאָל נישט געהערט וועגן דעם? עקסמיסיע... — זאָגט צו מיר ישראליק און זיינע אויגן גלאַנצן מיט אַ מאָדנע פייערל, גלייך ער וואָלט גרייט געווען זיך וואַרפן אויף עמיצן שלאָגן. איך קען גוט אָט דאָס פייערל אין זיינע אויגן. עס דערמאָנט מיך אינעם געשלעג אויפן פוטבאָל—פלאַץ נישט ווייט פון אונדזער שול. געשלאָגן האָט זיך ישראליק מיט אַ יינגל וואָס איז געווען אפשר צוויי מאָל די גרייס פון אים. יענער האט אים דערלאַנגט אַ קאָפּע אין פוס בעת ער האָט געפירט די פּילקע און ישראליק איז געפאַלן אויף דער ערד. הייבט ער זיך אויף, ישראליק, און לאָזט זיך גלייך אויף יענעם מיט געבייזלטע פויסטן. דערביי שרייט ער צו מיר: "מאירקע, לויף שנעל און רוף מיין ברודער בערל. צוזאַמען וועלן מיר אַ תל מאַכן פון אים". לאָז איך איבער מיין רוקזאַק מיט די העפטן און ביכער און לויף הענדום—פענדום צו ישראליקס הויז אויף אונדזער גאַס, וואָס איז אפשר פיף גאַסן ווייט פונעם שפּיל—פלאַץ, און... בערל איז נישטאָ. דעם טאַטן ישראליקס דאַרף איך גאַרנישט נישט זאָגן, דאָס ווייס איך שוין. אַנדערש וועט ער נאָך באַקומען פון טאַטן דאָס זייניקע פאַר אַריינלאָזן זיך אין געשלעג מיט גרעסערע און עלטערע פון אים יינגלעך. "שלאָגן מעגסטו זיך מיט דיינס גלייכן" — האָט אים אַמאָל געזאָגט דער טאַטע. כ'האָב עס אַליין געהערט. — כאַפּ זיך נישט צו קיינעם פון וועמען דו קאָנסט שלעכטס אָפּשניידן." לויף איך שוין צוריק כדי זאָגן ישראליקן, אַז זיין ברודער בערל איז נישטאָ אין דער היים, און דאָ טרעף איך שוין נישט קיינעם אויפן פלאַץ. אַלע פוטבאָליסטן זענען פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט ישראליקן. פאַרשוווּנדן איז אויך מיין רוקזאַק מיט די העפטן און ביכער.

...שטיי איך אַזוי אין אונדזער ווינקל און, שטאָט קוקן אויף ווישניעווסקיס טויבן און צווישן זיי מיין באַליבטן "ווידינעק", קוק איך גאָר אַהין, ווו חייהלע שטילמאַנס מאַמע וויינט און קלאָגט איבער דעם ביסל אָרעמקייט וואָס וואַלגערט זיך נעבן דער פאַרשלאָסענער טיר פון זייער שטוב. און אָט איז חייהלע. זי קומט אַרויס פון אַ שכנישער שטוב, גייט צו צו דער מאַמען און דערלאַנגט איר אַ טעפּל וואַסער אָדער טיי. די מאַמע נעמט זי אַרום און צעכליפּעט זיך ערשט רעכט אויף אַ קול: "וויי איז מיר און ווינד איז מיר, זע וואָס ער האָט אונדז אָפּגעטאָן, דער גזלן, דער רוצח... ווו וועלן מיר זיך איצט אַהינטאָן"... און חייהלע צעוויינט זיך אויך און טוליעט זיך שטאַרקער צו דער מאַמעס

ברוסט. איך קוק אויף ישראליקן און זע אַלץ דאָס גוט באַקאַנטע פּייערל אין זיינע אויגן. אין מיינע אויגן פּיל איך טרערן.

אדורך די טרערן, ווי דורך אַ וואַל, זע איך פאַרבייגיין נעבן אונדז דעם לערער גרינבלאַט. ער האָט אונדז נישט באַמערקט, מיך און ישראליקן. מיר שטייען פאַררוקט אין אונדזער ווינקל. ער גייט מיט גלאַסענע טריט, דער לערער גרינבלאַט, ווי שטענדיק. אויף זיין פליכוואַטן קאָפּ איז אַ גרויער הוט וואָס וואַרפט אַ שאָטן אויף זיין גוטמוטיקן פּנים. צוגעקומען צום אָרט, וווּ חייהלע שטייט אַרומגענומען מיט איר מאַמען אוןביידע ווייִנען, האָט ער אַראָפּגענומען דעם הוט, עפּעס געזעדט צו חייהלעס מאַמען און יענע האָט זיך באַרואיקט. וואָס ער האָט איר געזאָגט ווייס איך נישט. איך זע בלויז ווי חייהלעס מאַמע בייגט זיך אָן צו זיין האַנט, ווי זי וואָלט וועלן זי קושן. דער לערער גרינבלאַט, אָבער, ציט זיך צוריק, געזעגנט זיך מיט פרוי שטילמאַן און פּירט אַוועק מיט זיך חייהלען, ווען ער האַלט פאַר דער האַנט גלייך ער וואָלט מורא האָבן אַז זי וועט זיך פון אים אַרויסרייסן.

*

דער הימל איז פאַרוואָלקנט. עס זעט אויס ווי באַלד וועט נעמען פאַלן אַ רעגן און זיינע שווערע טראָפּנס וועלן קלאַפּן אין די שויבן גלייך זיי וואָלטן אָנזאָגן, אַז דער האַרבסט איז שוין אויף דער שוועל. אין קלאַס איז טונקל און כאָטש עס איז נאָך גאַנץ פרי, ברענט דאָס עלעקטרישע לעמפּל אויפן סופיט. מיר זיצן רואיק און וואַרטן אויפן אַריינקום פון לערער גרינבלאַט. אין אַזעלכע פרימאָרגנס ווילט זיך קיינעם נישט אַרומשטיפן. און אָט איז ער, דער לערער גרינבלאַט, מיטן קלאַס — זשורנאַל אין דער האַנט. נאָר דאָס מאָל איז ער נישט אַליין. ביי זיין זייט איז חייהלע שטימאַן. שטאָט דער שלאָפּקופּקע אויף איר קאָפּ זעט זיך אויף אירע אויסגעצוואָגענע און פאַרקעמטע האָר אַ ראָז בענדל, אַרום האַלדז — אַ ווייס קעלנערל. גאָר נישט די זעלבע חייהלע. בלויז דער טרויער אין אירע אויגן איז דער זעלבער ווי געווען.

— חייהלע — זאָגט דער לערער גרינבלאַט — פאַרנעם דיין אָרט.

חייהלע שלייכט זיך דורך צווישן די בענק, גלייך זי וואָלט וועלן בלייבן נישט באַמערקט. אָבער אַלעמענס אויגן זענען סיי ווי אָנגעשפּיצט אויף איר. זי זעצט זיך און דער לערער גרינבלאַט נעמט אויסרופן אונדזערע נעמען פונעם זשורנאַל. אַלע זענען אין קלאַס. קיינער פעלט נישט. אַ רגע איז שטיל.

— איצט, קינדער — רופט זיך עגדלעך אָפּ דער לערער — וועלן מיר לייענען "ייִנגל, צינגל, כוואַט" פון מאַני לייב. אנהייבן וועט שרהלע קאַץ.

אַלע מאָל, ווען שרהלע לייענט, זענען מיינע אויגן געווענדט צו איר מיט אַנטציקונג. איר קלינגעוודיקע שטימע דערגייט צו מיר ווי אַן עכאָ וואָלט געקומען ערגעץ פון אַ געדיכטן וואַלד און מיר איז שווער פאַנאַנדערצוקלייבן די ווערטער. אָבער איצט זענען מיינע אויגן גאָר געווענדט אַהין, וווּ עס זיצט חייהלע שטילמאַן, און ווידער זע איך ווי זי שטייט דאָרט אין הויף אַרומגענומען מיט איר מאַמען און ביידע וויינען. און אין מיינע אויערן קלינגען נאָך אַלץ דער מאַמעס ווערטער: "ווינד איז מיר, און ווי איז מיר... וווּ וועלן מיר זיך איצט אַהינטאָן"...

נאָך שרהלען לייענען אַנדערע קינדער. יעדער צו עטלעכע פערזן. פּלוצים דערהער איך אויסרופן מיין נאָמען. איך כאַפּ זיך אויף ווי פון שלאָף. איך מיש איבער די בלעטלעך פון מיין ביכל און זוך דאָס אָרט וווּ איך דאַרף פאָרזעצן לייענען. אָבער איך ווייס נישט וווּ דער לעצטער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ גליק וואָס נעבן מיר זיצט "ישראליק מיטן קראָליק" און ער גיט מיר אַ ווייז מיטן פינגער: "דאָ, אָט — אָ — דאָ"... גיב איך זיך אַ לאָז

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

## ביכער * ביכער * ביכער

# דוד וואָלפּעס "היימען, חלומות, קאָשמארן"

דוד וואָלפּע איז אַ דרום=אַפריקאַנער יידישער שרייבער, אַ טאַלאַנטירטער פּאָעט, עסייאיסט און דערציילער פון אַ הויכן קאַליבער, ווי ער האָט עס באוויזן מיט זיינע צען דערציילונגען אונטערן טיטל: היימען — חלומות — קאָשמארן. עס איז אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, בעלעטריזירט אונטער פאַרשידענע מאַסקעס און עפּיזאָדן, וועלכע סומירן זיך אונטערן טערמירן: אויטאָביאָגראַפיע. ביים לייענען איז מיר אָפט געקומען אויפן געדאַנק יעקב פרידמאַנס אַ זאָג, ערגעץ אין זיינע דערציילונגען, אַז דאָס לעבן גופא איז דער גרעסטער שונדאָוניק. פאַראַן אין א ריי דערציילונגען זיינע פינאַלן

---

אוועק איבער די פערזן פון "יינגל, צינגל, כוואַט", אזש דער לערער קאָן מיך נישט פאַרהאַלטן. "נו, גענוג, מאירקע — זאָגט דער לערער גרינבלאַט — איצט וועט לייענען חייהלע שטילמאַן". חייהלע הייבט אָן לייענען און איר שטימע ציטערט, די ווערטער קומען קוים ארויס פון צווישן אירע ציין. פלומעם פאַרגייט זי זיך אין אַ געוויין.

געוויינלעך וואָלט דער לערער גרינבלאַט געמאַכט עפּעס אַ באַמערקונג וועגן חייהלעס קאָפּ—טיכל, וואָס ער רופט שלאָפקופּקע, און דאָס וואָלט אַרויסגערופן אַ געלעכטער אין קלאַס. אפשר וואָלט חייהלע אויך געלאַכט צוזאַמען מיט אַלעמען. אָבער נישט היינט. דאָס מאָל איז ער צוגעגאַנגען, דער לערער, צו חייהלען און איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, זייער פאָרזיכטיק, אַזוי אַז דאָס ראָזע בענדל זאָל זיך נישט איבעררוקן.

— נו, גענוג — זאָגט דער לערער גרינבלאַט — וויין נישט, חייהלע. אַלץ וועט זיין גוט. איר וועט האָבן אַן אנדער דירה און דו וועסט ווידער זיין מיט טאַטע—מאַמע צוזאַמען. דערווייל האָסטו אַ היים ביי מיר אין הויז און מיין פרוי, די לערערין גאַנץ, וועט זיך פאַרנעמען מיט דיר ווי מיט אַן אייגן קינד.

קוים האָט דער לערער גרינבלאַט געענדיקט זיינע טרייסט — ווערטער, האָט באַלד זיך צעקלונגען דער גלאָק און ס'איז געווען נאָך דער לעקציע. בעת דער פויזע, אין גרויסן זאַל, האָב איך אָפּגעפונען ישראליקן און צו אים אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט וואָס ישראליק, דער אמתער כוואַט ביסטו. ווען נישט דיין וויז — פינגער, וואָלט איך געווען פאַרלוירן.

ישראליק האָט זיך צעלאכט:

— דאַרפסט דאַנקען מיין פינגער, נישט מיר — טוט ער אַ זאָג און לויפט אַוועק ערגעצוווּ אין אַן אַנדער ווינקל, ווו עס זאַמלען זיך די יינגלעך פון אַ העכערן קלאַס.

איך בלייב שטיין אַליין און ווידער זע איך חייהלען מיט איר מאַמען און דעם לערער גרינבלאַט ווי ער נעמט אַראָפּ זיין הוט פון קאָפּ און מיר דאַכט זיך, אַז דער הוט פאַלט אַראָפּ אויפן שוסטער — בענקל און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָפּיטע. און דערנעבן, אין הויף, וואַלגערט זיך אויף דער ערד אַ טויטע טויב, ישראליקס "שפּאַנצער", באַשפּריצט מיט בלוט און דאָס קעפּל איז נישט מער אין ווישניעווסקיס האַנט. דאָס קעפּל פון דער טויב האָט באַקומען פליגל און עס פליט, פליט אַנטקעגן דעם בלויען הימל, גלייך צו דער זון...

וואָס קלינגען אָפּ מעלאָדראַמאַטיש. אָבער דאָס אומנאָרמאַלע לעבן און די חורבן=יאָרן האָבן דאָס מעלאָדראַמאַטישע געגעבן אַן אויטענטישע פאַרב, דעריבער זענען אויך די מעלאָדראַמאַטישע עלעמענטן וואָרהאַפטיק באַגלייבלעך. אויסטערלישע פּאַסירונגען זענען פון האַלוצינאַציעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רעאַליטעט און דאָס דאַרף מען נעמען אין אַכט ביים לייענען וואָלפעס דערציילונגען.

דעם מחברס ריכטליניע איז אויך ארויסצוהייבן די יחידים דייטשן, וואָס האָבן געהאָלפן יידן זיך ראַטעווען. ווי דאָס מיידל מאָניקאַ אין דער דערציילונג "די רויטע לאַנדשאַפט". למען אמת בין איך זיך מודה אַז ס'איז מיר שווער געווען צו גלייבן די געשיכטע פון דעם אויסלענדישן קאָנסולאַט צו ראַטעווען אַ יידישן בחור. אָבער איך וויל נעמען אין אַכט די באַדינגונגען פון יענער צייט צו וועלכער מען קען נישט צוגיין מיט ראַציאָנעלע קאַטעגאָריעס. די אויטענטישע ביאָגראַפישע עלעמענטן פון דער דערציילונג זענען זייוּקע שיינגאָלד, לאָלא און אַנדערע טיפּן געשילדערט אין פּראָפיל. פּראָפעסאָר וואָלפגאַנג דאַווידאָוויטש און זיין ווידוי האָט אַ פּובליציסטישן אויסקלאַנג. אָבער ווידער נעם איך אין אַכט די באַדינגונגען פון די וואַקכאַנאַליעס פון די האַקנקרייץ יונגען בראש מיט דעם שטורעם=פירער אַדאָלף הימלגרובער, דער האָמאָ=סעקסואַליסט=לערער אין דער גימנאַזיע, ווו עס האָבן געלערנט די זייוּקעס און די לאָלאַס.

זייוּקע איז פאַרשטייט זיך אַ מאַסקע פאַר דעם מחבר גופא וועמען מיר טרעפן שפּעטער אין די אַנדערע דערציילונגען און בפרט אין דער גרעסטער ("אַבקעס היימען"), וואָס פאַרנעמט בערך 130 זייטן אין בוך. די ערשטע און לעצטע דערציילונג זענען צווישן זיך אָרגאַניש פאַרבונדען און זיי נעמען אַרום פאַרשידענע אָפּשניטן פון מחברס לעבן, ערב און בעת די חורבן=יאָרן, און לסוף אין אַן אונראַ=לאַגער.

זייוּקע איז געצייכנט אַלס קונסט=מאָלער שטודירנדיק אין אַ בערלינער קונסט=שול. דער מחבר האָט געוואָלט אַז דער פּראָפעסאָר פון דער שול זאָל זיין אַ געשמדטער ייד, מחמת זיין טאַטע און זיידע האָבן געוואָלט ער זאָל זיין אַ פאָלנער דייטש. נאַטירלעך האָט דאָס אים נישט געקענט אָפּראַטעווען בעת עס האָט געווילדעוועט די ראַסן=טעאָריע אין דייטשלאַנד און די אָקופּירטע לענדער. דעם פּראָפעסאָרס געזעגנונג=לעקציע אין דער קונסטשול איז דראַמאַטיש געשילדערט. זיין דעקלאַרירן: איך וויל שטאַרבן אַ ייד, וואָס איז מסתמא אויטענטיש, אָבער בעלעטריסטיש קלינגט עס אָפּ דעקלאַמאַטאָריש!

אין זיין לעצטער דערציילונג ("אַבקעס היימען") זאָגט דער מחבר דורך אַבקען: "...(כ'האָב) פאַרצייכנט פאַקטן און עפּיזאָדן פון מיין לעבן, ווי ווייט איך האָב זיי געקענט אַרויסרופן פון זיכרון, פון סאַמע יינגסטער קינדשאַפט. דאָרטן וועסטו זען מיין היים. מיין מאַמען און טאַטן, משפּחה, חברים און — מינקען... דאַרפסט זיי קענען כדי מיך בעסער צו קענען. דאָרט, אין יענע היימען, האָט זיך געפורעמט אַבקעס נשמה. אין די העפטן איז פאַרוויקלט דער סוד און די געשיכטע פון מיין יונג לעבן, אָן באַפּוצונגען און אָן פאַרשטעלענישן — אין זיי איז דער גאַנצער אַבקע, דער נעכטיקער און דער היינטיקער אין איינעם".

דאָס זענען נאַטירלעכע אויטאָביאָגראַפישע שורות. און די העפטן זענען אַריין אין זיין בוך וועלכן מיר באַהאַנדלען דאָ. בכלל איז אויף די לעצטע זייטלעך פון בוך בילדעריש געצייכנט דער "יעיל"=שליסל, וואָס עפנט אויף פאַר אונדז די מגילה נישט נאָר פון אַ יחיד, וואָס טראָגט פאַרשידענע נעמען, אָבער נעמט אין תוך אַרום די געשיכטע פון אַ דור, וואָס איז חרוב געוואָרן אַפילו ווען ער איז ניצל געוואָרן פון געטאָ און גאַז=אויוונס.

אין די דיאַלאָגן צווישן אים מיט רייקען, מיט יעזשין, — צו דערמאָנען נאָר אַ פּאָר נעמען פון אַ לעגיאָן — זאָגט וואָלפע=אַבקע צו רייקען: „הינטער דעם אַבקען, וואָס דו זעסט דאָ, ליגט נאָך פאַרוויקלט דער סוד, וואָס כ׳האָב אים צוגעקלעפּט דעם עטיקעט׳אַבקע דער ערשטער׳. דאָס איז די פאַרלוירענע העלפט פון מיין געשפּאָלטענער נשמה, און כ׳וואָלט שטאַרק וועלן דיר דערציילן וועגן אים...

„רייקע: איך וועל אפשר מוזן שטודירן פּסיכאָלאָגיע כדי דיך צו פאַרשטיין. כ׳האָב טאַקע באַמערקט אז אויף די ביכער אויבן, אויפן שרייבטיש, ליגט ס׳בוך פון זיגמונד פרויד. האָסט מסתמא דאָרט געזוכט דיין אייגענעם סוד״.

אַבקע: „יע, רייקע, פּסיכאָלאָגיע איז א נייטיקע וויסנשאַפט און צו מאָל א גוטע רפואה, כדי אַליין זיך צו היילן... איך אַרבעט איבער זיך, איך אַנאַליזיר זיך אַליין, מאַך עקספּערימענטן, פּרווו אַרויסליכטיקן פונקען פון עבר, פון מיין נשמה. נישט אַלץ געלינגט מיר. כ׳בין אַ פּאָר וואָכן געלעגן אין שפּיטאָל און געטראַכט גאַנצע נעכט. מער ווי אַלץ איז געווען די מורא פון דער קאָנפראָנטאַציע צווישן מיינע 2, פון מיר באַשאַפענע אַבקעס. דאָס איז נאָך אַלץ מיין טיפסטער סוד... איך בין געווען צערודערט נישט אַזוי צוליב דעם פיזישן מצב מיינעם, נאָר מער צוליב דעם גייסטיקן. כ׳בין געוואָרן באַזעסן פון אַ לונאַטישער לוסט צו מאַכן איבער זיך דעם עקספּערימענט פון איבערשניידן אין דער העלפט מיין לעבן, מיין האַרץ, דעם עבר פון מיין צייט... אפשר איז דאָס געווען אַ מין רעאַקציע, אַ מין אַגרעסיווער אַרויסרוף צום קאַטאַקליזם פון די מלחמה=יאָרן, צו מיין יידישן און פערזענלעכן גורל...״ (ז״ז 347 — 438).

איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק צו געבן אַ לענגערן אויסצוג פון וואָלפעס בוך, מחמת איך באַטראַכט אים ווי דאָקומענטאַר פאַר דעם דור, וואָס איז אַדורך דעם גיהנום=גאָס. דאָס איז טאַקע די אייגנאַרט פון דעם חורבן—בוך, וואָס האָט אין פאַרשידענע קאַפּיטלען געזוכט זיך אַליין פּסיכיש צו אַנאַליזירן דעם פאַרלויף פון די פאַקטן און עפּיזאָדן, וואָס דער מחבר האָט אַזוי טיף אַרומגענומען, באַהאַנדלט און עקספּערימענטירט. די דערציילונגען נעמען אַרום פאַרשידענע אַספּעקטן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין די זעלבע יאָרן.

וואָלפע האָט אין דעם בוך געוואָלט זיך אויפעפענען אין גאַנצן. נישט נאָר צוליב זיך אַליין, נאָר צוליב זיין גאַנצן דור, פאַר וועלכן ער האָט ביים שרייבן זיך געפילט ווי דער שליח=ציבור. עס איז דאָ עפּעס ימים=נוראימדיקס אויף די בלעטער פון זיינע דערציילונגען, און נישט אַזוי וועגן די מערדער, ווי די קרבנות, וואָס האָבן געצאַפּלט אין דער נעץ אין וועלכער דער מלאך=המוות האָט זיי אַריינגעכאַפּט און זיך אידיעקעוועט איבער זיי. די וואָס האָבן שוין אין טויט געזען אַן אויסלייז, מען האָט אים דערוואַרט. איז ער אָבער נישט געקומען באַצייטנס. אויך צו דעם האָט מען געדאַרפט האָבן מזל...

ביי דער שארית הפליטה האָט מען כסדר געהערט דערציילן אויסטערלישע פאַנטאַסטישע פּאַסירונגען. אין נאָרמאַלע צייטן וואָלטן זשורנאַליסטן עס פאַרצוקערט ווי די גרעסטע סענסאַציעס. מען האָט דעם און יענעם פאַררעכנט פאַר אַ טויטן, און אָט טרעפן זיך טויטע מיט לעבעדיקע... דער מחבר האָט געזוכט „אַרויסהאָפּקען״ (זיין אויסדרוק) פון זיך, פון זיין גוף און נשמה אַלע טרויערן און פּיינען, וואָס האָבן זיך דאָרט אָנגעזאַמלט „ווי קופּעס דינאַמיט. זיי רייסן אויף אין די נעכט מיט קאָשמאַרן און פּינצטערע חלומות. דער טויט אַליין קען אויך זיין אַכזריותדיק צו וואַרטערס״.

וואָלפעס בוך איז מלא וגדיש מיט חלומות און האַלוצינאַציעס. מען וואָלט געקענט פאַרטיילן זיי אויף אַ טוץ ביכער. אין די קאָשמאַרן האָבן זיך געפּלאָנטערט צעריסענע פעדעם פון לעבנס=געוועב. די חלומות זענען געווען נאַקעט, רוי און פריש (באַטאָנט

דער מחבר). די נשמה=ריסן זענען געווען פון די אומבאַוויינטע, אומבאַטרויערטע קרבנות. אונדער מחבר מעדיטירט: וואָס זענען געווען די דייטשע אַדאָלף הימלגרובערס? (ער באַווייזט זיך אין בוך סיי אין נאָרמאַלע צייטן אַלס לערער פון קונסט און שפּעטער בראש פון די שטורעם=טרופּערס) סאַדיסטן, פּסיכאָפּאַטן. אינקוויזיטאָרס "וואָס האָבן מאָרדלוסט פאַרוואַנדלט אין אַ ראַסן=אידעאָלאָגיע. ער, הימלגרובער, זאָגט, אז יעזוס איז אויך געווען אַ יידישער שווינדל. אַ זון פון אַ מינערווערטיקער ראַסע קען נישט ווערן קיין דערלייזער. ער קאָן נאָר זיין אַ מאַרטירער...

עס פעלן אויך נישט אין בוך שאלות צו שפּינאָזען. וואָלפע=זייוועקס טאַטע האָט אין דער יוגנט שטודירט שפּינאָזען און אים געגלייבט, אַז גאָט איז כולו ליבשאפט און ער איז פאַראַן אומעטום. טאָ פאַר וואָס איז ער אַוועק פון דיר, פון אונדז אַלעמען? אָט די שאלות האָט מען געקענט פרעגן דעם "הייליקן אין גיהנום" (דער נאָמען פון אַ קורצער דערציילונג אין בוך), וואס לייענט זיך ווי אַ פּאָעמע פון אַ יידן וואָס האָט אויך אין גיהנום=לאַגער פון יידישע אותיות צוזאַמענגעשטעלט דעם טעקסט פון שמע ישראל. שילדערט וואָלפע דעם דאָזיקן ייד וואָס איז אַריינגעפאַלן אין די מערדערישע הענט, ווי נאָר די וואַגאָנעס זענען אָנגעקומען אין די טויט=לאַגערן. פון אַ יידיש ליד האָט דער הייליקער אין גיהנום זיך געמאַכט אַ מחזור, אַרויסנעמענדיק פון ליד די יידישע פּירקאַנטיקע אותיות. ער איז געווען אַ לעבעדיקער לוח פאַר די יידן אין לאגער. ער האָט גענוי אויסגערעכנט די יידישע יום=טובים און בעיקר די ימים נוראים.

נישט דאָס גאַנצע בוך איז געווידמעט די חורבן=יאָרן. ער האָט אַ קורצע דערציילונג פון דער ערשטער וועלט=מילחמה און אַ פאר דערציילונגען וועגן די שוואַרצע אין דרום=אַפריקע.

די דרום אַפריקאנער דערציילונג "דזשאָן" איז אינטערעסאַנט און באַלערנדיק פאַר דעם מצב פון די שוואַרצע מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, ווען די הכנעהדיקייט פון שוואַרצן איז געפּרעדיקט געוואָרן אויף אלע טריבונעס פון דרום אַפריקע. וואָס פאַר אַ מהלך עס האָט דורכגעמאַכט דער שוואַרצער אין דעם לאַנד, קענטיקט זיך אויך אין די רייד פון פּריסטער, וואָס האָט צו דזשאָנען געזאָגט: "דער ווייסער איז געלערנט און קלוג, און דערפאַר האָט גאָט אויסגעקליבן אונדז שוואַרצע, מיר זאָלן אים (דעם ווייסן) באַדינען. דער פּריסטער איז געווען דער מיסיאָנער פון דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע פאַר דער שוואַרצער באַפעלקערונג. דזשאָן האָט געהערט פון פּריסטער אַז "דער יונגער גאָט איז אַמאָל געווען אַ מענטש. נאָר זיין פאָטער, דער אַלטער גאָט, האָט אים אַרויפגענומען צו זיך אין הימל און אויך אים געמאַכט פאַר אַ גאָט. דזשאָן האָט געטיילט זיין טאַטנס גורל, און ווי זיין פאָטער אומגעקומען אין די שאַכטן בעת אַן אויפרייס. דאָס איז די כראָניק פון וועלכער עס קוקט אַרויס דער מצב פון צענדליקער מיליאָנען שוואַרצע אין דרום=אַפריקע. אין הינטערגרונט פון דער דערציילונג, ווי פון אַ צווייטער, אין דעם בוך, אָטעמט מיט דער אַטמאָספער פון דער אַפּאַרטהייט קללה, מיט וועלכער עס ראַנגלט זיך דאָס לאַנד עד היום. די דערציילונג, ווי אַלע אַנדערע דערציילונגען פונעם בוך, לייענט זיך פליסיק און לאָזט איבער אויפן לייענער פאַרשידענע נאָכקלאַנגען און מעדיטאציעס.

איך האָב שוין דערמאָנט די ריכטליניע פון מחבר אין זיינע חורבן=דערציילונגען נישט אַריינצולייגן אַלע דייטשן אין דעם זאַק פון די באַנדיטן. אָט איז דער דייטשער דאָקטער העלמוט שולצע. דער גרויסער הומאַניסט און יידנפריינד וועלכער ווערט כאַראַקטעריזירט אין די הערלעכסטע ווערטער, און ער איז דאָך נישט דער איינציקער דייטש וואָס פאַרבינדט זיין לעבן מיטן יידישן גורל. פאַר אָט די דייטשן איז דאָס היימלאַנד קיין היים נישט געווען און דער מענטש — קיין מענטש נישט: אָן אַ טראָפּן

מענטשלעכע רחמנות ביים אַריינטרייבן די יידן אין דער געטאָשטייג.

אויך די שקלאַפנאַרבעט איז דאָך נישט געווען סתם קיין אַרבעט, נאָר אַ מאָרדמאַשין, וואָס דער מחבר באַצייכנט ווי אַ מאָדערנע האַנקרייץ=אינקוויזיציע פון 20 טן י״ה.

די געשיכטעס וואָס וואָלפּע שילדערט, אויב אַפילו זיי זענען שוין פון ערגעץ ווו באַקאַנט פון אנדערע חורבן=ביכער, זענען ביי אים געוואָרן נייע איכהס, ווי אַן איבערדיכטונג פון די אלטע קינות, וואָס יידן ריכטן אָפּ אום תשעה=באב. (די באַשרייבונג אַ לאַקאָנישע — וואָס האָט אין געטאָשטייג באַטייט צו קריגן אַ שטיקל ברויט פאַר וועלכן דאָס מיידל באַצאָלט מיט איר כבוד און אומשולד). אויף איין אָרט באַמערקט וואָלפּע, אַז יעדער מענטש איז פּאָטענציעלער סאַדיסט און שענדער. אין די רויע באַדינגונגען פון דזשונגל ווערט ער צוריק חיה. אלע א״ג מאָראַלישע פּרינציפּן ווערן צעשמאָלצן ביי גוואַלד=באַדינגונגען. אין אָט דעם דזשונגל איז דאָך טאַקע פאָרגעקומען דער גרעסטער נסיון פון מענטש ״זעלטן ווער האָט דעם מאָראַלישן כוח אויסצוהאַלטן די פייער=פּראָבע פון ליידן״. אזוי דין איז דער שיכט, וואס דאַרף דינען ווי אַ לעבעדיקער ביישפּיל. הונגער, זאָגט ערגעץ דער מחבר, האָט אַ סך פּנימער...

דער מחבר, זעט אויס, האָט געשיקט אין מאַנוסקריפּט זיין ערשטע דערציילונג צום פּראָפעסאר סאָל ליפצין, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַן אריינפיר=וואָרט צום בוך. ליפצינס מאמר איז אין ענגליש, און עס ווייזט אויס, אַז דער מחבר, וואָלפּע, האָט נישט באַוויזן עס צו איבערזעצן אין יידיש. אין די לענדער ווו ענגליש איז די לאַנדשפּראַך איז עס נישט קיין מניעה, אָבער אין אַנדערע לענדער — יאָ.

דער מחבר איז אויך זיך מתנצל אויף דער פונקטאַציע, וואָס איז אַרויסגעקומען נישט קאָרעגירט צוליב טעכנישע סיבות. איך האָב באַמערקט ביים לייענען, ווי דאָ און דאָרט פעלט אַ שורה, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ אַנדערשוואו. זעלטן ווען אַ יידיש בוך קומט אַרויס אָן דרוקפעלערן. נאָר דער וואָס איז ריין פון דער זינד קען וואַרפן דעם ערשטן שטיין... די צוויי אינפאָרמאַטיווע דערציילונגען ״די אָפּגעברענטע היים״ און״ אַ ייד אין דער ליטווישער אַרמיי״ זענען פאַר מיר געווען באַזונדערס אינטערעסאַנט, מחמת אין מיינע ביכער האָב איך פאַרצייכנט ענלעכע באַשרייבונגען.

איך וויל לסוף זאָגן אַז איך האָב ביים לייענען באַוואונדערט די פליסיק = זאַפטיקע יידישע שפּראַך, וואָס איז אָפּגעשפּיגלט אין דעם באַהאַנדלטן בוך. וואָלפּעס יידיש לשון איז ציכטיק און קערנדיק. עס לייענט זיך גוט און געוויסע שילדערונגען האַלטן דעם לייענער אין שפּאַנונג. עס איז אַ גרויס ווערק אין כמות און איכות, וואָס האָט ווירקלעך אַ סך באַרייכערט אונדזער צעוואקסענע יידישע חורבן=ליטעראַטור.

## משה שקליאַרס ״ליד און לעבן״

משה שקליאַרס נייער לידערבוך איז דורכן מחבר געוואָרן איינגעטיילט אין פאַרשידענע ציקלען. אין ערשטן ציקל, קאָנטורן, האָבן מיר לידער צו דער ״מאַמע=נאַטור״. דער דיכטער זעט ווי זיין פלוימענבוים פאַרדאַרט און שטאַרבט אָפּ און עס ווערט אים שווער אויפן געמיט אינעם אָנבליק פון זיין נאַקעטן פלוימענבוים וואָס קוקט אויף אים מיט צער דורך זיינע קאָרע=שפּאַלטן. דער דיכטער שטעלט אַ סך קשיות און פרעגט: ווער זשע וועט ענטפערן. ווער? עס איז דער אַלטער זאָג און פרעג פון בעל=תהילים: — מאין יבוא עזרי? שקליאַר זעט דעם נאַטור=פּייזאַזש אין צושטאַנד פון פאַרגיין ״נישטאָ מער דער בוים״. אין פאַרגיין איז אויך דער טאָג. אָבער ״דאָס גרינס בלייבט הענגען ביי מיר אינעם בליק״.

פאַראַן מענטשן, לייענערס, וואָס טראַכטן: נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון. אַלע טעמעס שוין אויסגעשריבענע, אויסגעשעפּטע שוין טאָ נאָך וואָס באַשרייבן די שטערן, קאָמעטן וואָס פאַלן אַראָפּ. זיי געדענקען אַז ס׳האָט שוין אויף די טעמעס געשריבן י.ל.פּרץ. משה לייב האַלפּערן און אַ סך אַנדערע דיכטער. צו די טויט דער מחבר ענטפערן: ״נו איז וואָס. / מיין גוטער פריינד, / שטערן האָבן דאַן געשיינט / און זיי שיינען וויטער, / פּרצעס לידער, משה לייבס / דויערן דורך צייטן, / ווי די שטערן, / ווי די טרערן / וואָס וועלן נישט פאַרגעסן ווערן״ (ז׳14).

דער פּאָעט האָט שטימונגען און אָן שטימונג איז נישטאָ קיין פּאָרויסאָנונג, קיין נביאות, און ס׳איז נישטאָ קיין פּאָעזיע. אָט די אָנונג פּאָרויס זאָגט אָן דעם געבורט פון אַ ניי געפיל. שקליאַר איז דער זינגער פון לעבעדיקן געפיל. ביי אים טראַכטן און פילן אַלע: דער בוים, די בלום, דער האָז, ס׳טראַכט דער פאַרנאַכט און ס׳טראַכט דערווינט. דער פּאָעט פאַרשטייט זייער טראַכטן, ער קען זייער לשון און זייערע סודות: דער ווינט וואָיעט אין דרויסן ״ווי אַ קראַנקער הונט / פאַרנאַכט״. עס טוט דעם דיכטער ווי דעם ווינטס געוווי, אָבער ער ווייסט נישט מיט וואָס ער קען אים איינשטילן.

משה שקליאַר גייט דורך זיין דיכטעריש לעבן מיט אַ שטילן גאַנג. זיין תפילה איז נישט צו זיין פאַרביטערט אויף זיך, אויף דער וועלט און דעם אַרום. ״באַהיט פון זיין כ׳זאָל אָפּגעציטערט / ווי ביי דער מאַמען אַ בעל=מום״. דער לייענער דערוואַרט נישט פון שקליאַרס שורות איבערראַשנדיקע בילדער, אָבער זיינע שורות פאַרמאָגן אַן אינעווייניקסטן לעבן, און דאָס לעבן איז באַגלייט מיט אינטימע פּאָעטישע רעפלעקסן, מיט אַ ציטערפרייד פון ספיקות. די שורות פאַרמאָגן די געצאַמטקייט פון קליינעם ליד, מיט געקלאָרטער שטילער מוזיק. עס איז דאָ אויך ביי אים די מעלה וואָס ער יאָגט זיך נישט נאָך אַ גראַם. עס האָט שוין ווער געזאָגט, אַז אַ געקינצלטער גראַם שטעלט אויס גוטע פּאָעטן צום נאַר. דער דיכטער קען קאָמוניקירן איבערלעבונג. עס וויברירט אַ נערוו אַ חנווודיקע שורה, וואָס טוט אַ בליץ אויף, מיט אַ פיינער פאַרשפּיצונג פון וואָרט. אין זיין קליינעם ליד איז דאָ די בענקשאַפט נאָך דעם שלימותדיקן צימצום וואָס טוט באַפאַרבן די שורות מיט געמיט=קאָליר. עס איז טייל מאָל די מעלה ווען מען זעט אַן אוממיטלבאַרן פראַזאַיש קלאָרן זאָג, וואָס פאַרמאגט רייכקייט פון אימאַזש.

פּאָל וואַלערי האָט געהאַט דעפינירט אַ פּאָעמע ווי ״אַ סאָרט מאַשין צו שאַפן דורך ווערטער אַ געוויסן צושטאַנד פון געדאַנק״. מען דאַרף דעם באַגריף מאַשין נישט נעמען בוכשטעבלעך, אָבער דער פּאָליטיקער טוט עס אין פּאָליטישן זין, און דער דיכטער טוט עס ווי אַן אַקט פון היפּנאָז צו איבערצייגן דעם לייענער אַז די רעאַליטעט איז די וועלט וואָס דער קינסטלער (און דער פּאָליטיקער) קאָנסטרואירן פאַר אים. אין דעם אימאַזש דאַרפןביידע זיין אימאַגינאַטיוו, גלייך ווי די וועלט, וואָס זיי דאַרפן שאַפן איז אַ נישט רעאַלע, דאָך דאַרפן די ווערטער שאַפן אַ וועלט באַזירט אויף דער רעאַליטעט, עס זאָל זיין באַגלייבלעך פאַר דעם אָפּנעמער.

אויב אָבער פּאָעזיע און פּאָליטיק האָבן צווישן זיך עפּעס בשותפותדיק, האָט אָבער פּאָעזיע נישט דעם אַקטיוון כוח וואָס פּאָליטיק האָט. פּאָעזיע קען פּראָטעסטירן אָדער באַזינגען קריג אָבער זי קען עס נישט אַרויסרופן. אָפּשאַצנדיק דעם פּאָעטס אחריות פאַר דער וועלט, האָט העלען טייט אַזוי געשריבן וועגן פּאָעטן: אויב זיי וועלן זיך אויפפירן אַנדערש — וואָלט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער סדר נישט געווען אַזוי באַדראָאָט. דעם כוח וואָס פּאָעזיע האָט איז אויך, וואָס זי קען איבערלעבן פּאָליטיק, מחמת דאָס לשון פון פּאָעטן לעבט איבער דאָס לשון פון פּאָליטיקער.

אין אונדזער היינטיקער צייט האָט דאַנילאָוו געקענט רעציטירן לערמאָנטאָוון פאַר דער וועלט, און די וועלט האָט אויסגעזען אַז זי האָט געוואַרט אויף די ווערטער. אפשר

דערפאַר האָבן פּאָליטיקער אַזוי מורא פאַר פּאָעזיע, און מורא רופט אַרויס שינאה. אויב זיי האָבן מורא פאַר איר קענען זיי ווערן איר אַ שרעקלעכער שונא. נאָך עפּעס: פּאָליטיק רירט אָן געוויסע מענטשן נאָר אין געוויסע צייַטן, בעת פּאָעזיע רעדט צו אַלע מענטשן און אלע צייטן. לאָמיר דאָ דערמאָנען די ווערטער פון פּרעזידענט דזשאָן קענעדי: "ווען מאַכט פאַרשמעלערט די שטחים, וואָס זענען מענטשן נוגע, דערמאָנט אונדז פּאָעזיע פון דער רייכקייט און פאַרשידנאַרטיקייט פון איר עקזיסטענץ. מאַכט קאָרומפּירט, פּאָעזיע רייניקט אָפּ.

איך האָב פריער דערמאָנט דאָס רעציטירן אין אונדזער צייט לערמאָנטאָוון. ער האָט בערך מיט 150 יאָר צוריק אויסגעחוזקט די תפיסות און געלויבט אַלע הימלען. יעדער קינסטלער וואָס איז ווערט דעם נאָמען, איז אַליין דער באַשאַפער און דער צעשטערער, אַליין דער קרבן און די שטראָפנדיקע האַנט — שרייבט שקליאַר "און דאָך בין איך, איך אליין אַ שטויבעלע נישט מערער, וואָס פאַלט און פאַלט און גרייכט נישט ביז צום ראַנד (ז׳17).

דער יידישער דיכטער פילט דאָך היינט אַרום זיך אַ פּוסטקייט. דאָס וואָרט איז שטום און שטום דאָס האַרץ און מען הערט זיך איינַן אין דער אייגענער פּוסטקייט (ז׳19). איך מיין אַז דער דיכטער אָשעראָוויטש האָט אין דעם טיטל פון זיינס אַ לידערבוך, וואָס איז לעצטנס דערשינען, אויס געדריקט דעם מצב פון דעם יידיש שפּעריגן מענטש, וואָס שרייבט מיט "וווּנדיקן בטחון". אין זיין ציקל נאַטור — לידער, האָט שקליאַר דערהערט אין שטילן וואַלד דעם מורמל פון די בלעטער: ערגעץ שאַרפט שוין ווידער עמעצער זיין האַק. עס איז אַ סימבאָלישער אָנמערק אויף אונדזער שטילער צייט איצט. דער דיכטער שרייבט: — פאַרטרויט זיך פאַרן בוים און קוסט / וואָס שטייען שטום / און הערן: אַרום מיר איז פּוסט / און דאָך / עפּעס האַלט אין ווערן / און זיך מערן. / איך קוק אויף אייער גרין / און טראָג אַוועק זיך / ערגעץ ווייט / אהין, / וווּ כ׳האָב צום ערשטן מאָל / געטונקט אין אים די אויגן" (ז׳28).

דאָס האָב איך ציטירט פון דעם ציקל שאָטנס, ווו דער מחבר האָט פאַרצייכנט רייזע־איינדרוקן פון קאַנאַדע: "גרינער ווייַן. / איך וואָלט אַ טרונק געטאָן פון אים / ביז שיכור ווערן / און אַ שריי געטאָן / אַז ס׳זאָל דער גאַנצינקער / ארום דערהערן — / פונעם גרינעם טאָל / אַ זש ביז די שטערן". די שורות זענען וועגן דיכטערס אַ באַזוך אין צופּוסנס לייק לואיז. איך בין אויך געווען אין קאַנאַדע אויף אַ באַזוך אָבער נישט דערגרייכט צו די מקומות, וועלכע עס האָט געזען משה שקליאַר. ער וווּנדערט זיך אויך — ווער האָט אים אָנגערופן — שטילער, / דעם אָקעאַן, וואָס וואַשט די מערבדיקע ברעגן / פון דעם לאַנד? ווי ווייט דאָס אויג און אויער גרייכט — / פון ראַנד ביז ראַנד / די כוואַליעס וויגן זיך / און רוישן, / ווי נאָך אַ שטורעם=רעגן, / ווען די לופט ווערט קילער / און פלעקן בלוי / זיך רייסן דורך צווישן כמאַרעס. (ז׳30)

מיר איז אויך אויסגעקומען צו באַזוכן די לענדער און שטעט פון שפּאַניע, מעקסיקע, האָנאָליולו און זיך אַנטציקט מיט דער זעלבער נאַטור=לאַנדשאַפט, נאָר ביי מיר זענען די אימפּרעסיעס אַרויסגעקומען אין אַ פּראָזאַישער פאָרם און נישט אין פערזן ווי ביים דיכטער שקליאַר. עס איז מיר געווען אינטערעסאַנט צו לייענען אַ דערמאָנונג פון אַ ליד געלייענט אין אַ וואַרשעווער טעאַטער=זאַל, ווו איך בין געווען אָנוועזנדיק, בעת מיר האָבן געפיבערט מיט דעם בירגער=קריג אין שפּאַניע. דערמאָנט שקליאַר דאָס ליד גראַנאַדאַ "וואָס כ׳טראָג מיט זיך / פון דעמאָלט אָן / ווען ס׳האָט הערצער אָנגעצונדן — ווו אַ שטילקייט האָט געהערשט אַזאַ, / וואָס כ׳האָב מערער קיין מאָל נישט געהערט: /גראַנאַדאַ, גראַנאַדאַ, / גראַנאַדאַ מאַיאַ / געווען איז דעמאָלט מיר / גראַנאַדאַ נאָענט / ווי דאָס ליד / וואָס איז געקומען גלייך פון פראָנט "(ז״ז 37 — 38).

ישראל גובקין

# קלאָרקייט און אומקלאָרקייט אין דיכטונג

## וועגן משה שקליאַרס בוך "ליד און לעבן"

ניט לאַנג צוריק האָב איך געלייענט יהודה עמיחיס "שירי ירושלים". לידער פון — און וועגן אַמאָליקן און היינטיקן ירושלים. עמיחי ווערט פאַררעכנט אין דער ישראלדיקער ליטעראַטור ווי איינער פון די פּראָמינענטסטע העברעיִשע דיכטער. לייענענדיק אים האָב איך פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט זיינס באַזונדער, ווי אויך גאַנצע סטראָפן, אָבער אין היקף בין איך געבליבן שטיין פאַר די לידער ווי פאַר אַ בלינדער וואַנט. כ'האָב ניט תופס געווען וואָס עמיחי וויל מיר זאָגן. איך בין געווען בלינד צו זיינע ווערטער — געמאָלטע בילדער. כ'האָב זיי גייסטיק ניט געקענט זען, כאָטש זיין שפּראַך איז ווייט פון דעם ניי — מליצהדיקן העברעיִש, וואָס אַנדערע ישראלדיקע פּאָעטן צאַצקען זיך אַרום מיט דעם.

עמיחיס לידער האָבן מיר דערמאָנט אַ מעשהלע פון דעם באַרימטן אַמעריקאַנער שרייבער פון ערשטן העלפט פון דעם יאָרהונדערט, אפּטאָן סינקלער, מחבר פון "דזשאַנגל" (ניט פאַרעלטערט אַפילו פאַר דער היינטיקער אַמעריקע), און אַנדערע סאָציאַלע נאָוועלן. ער דערציילט וועגן אַ מוזיקער וועמענס מוזיקאַלישע שאַפונגען זענען ניט אויפגענומען געוואָרן ווי געהעריק צוליב זייער כאַאָטישער און אומפאַרשטענדלעכער קאָמפּאָזיציע, וואָס האָט ניט אַפּעלירט צו מוזיק — ליבהאָבער. וואָס — זשע האָט דער צאָרנדיקער מוזיקער געטאָן? ער האָט "איבערגעריסן מיט דער וועלט" און זיך איזאָלירט אויף אַ ניט — באַזעצטן אינדזל, און דאָרט אויסגעשפּילט זיינע שאַפונגען פאַרן געהילץ — פאַר די ביימער.

מיט דעם מעשהלע האָט אפּטאָן סינקלער קריטיקירט געוויסע אולטראַ — מאָדערנע ריכטונגען אין ליטעראַטור און קונסט אין זיין צייט, וואָס ער האָט באַטראַכט ווי דעקאַדענט און אַנטי — סאָציאַל, ניט פאַרשטענדלעך אָדער שעדלעך פאַרן דורכשניטלעכן פאָלקס — מענטש.

---

איך האָב געהאַט מער מזל אין מאַדריד וואָס כ'האָב נישט געטראָפן דעם טויער פון דער שיל פאַרהאַקט מיט שלעסער זיבן. עס רעדט צו מיר באַזונדערס שקליאַרס ליד "נעכטיקע טעג": יעדער איינער פון אונדז לעבט דורך גאָר באַזונדערס די "נעכטיקע טעג". זיי רופן זיך איבער מיט מאַנגערס באַרימטן רעפרען "די נעכטיקע טעג נישט געזען, נישט געהערט", אָבער מיר זעען זיי יאָ פאַר אונדזערע אויגן, און זיי דערמאָנען אונדז אין יוגנט — חלומות, אָבער לאָמיר געבן דאָס וואָרט דעם דיכטער: געזעסן אין אַ טיפן שוויגן / איינגעקוקט און איינגעהערט / אין טעג די נעכטיקע, / אין ווייטע טעג — / אין זיך אַליין. / ווי פון אַ תהום ארויס / זיי קומען ווידער / שטיל צו גיין, די טעג די נעכטיקע, / די ווייטע טעג, / און פאַרן בליק / זיי בלייבן שטיין, / קוק איך / און דערקען זיי נישט, / די טעג די נעכטיקע, / די ווייטע טעג / און אויך נישט זיך אליין — — —".
דאָס איז אַ ליד וווּ מיר קענען זיך אַליין פאַרשפּיגלען און טאַקע זיך אַליין נישט דערקענען, ווי ווייט מיר זענען אוועק פון די נעכטיקע טעג מיט אונדזערע אַלע האָפענונגען, טרוימען, חלומות...

*משה שקליאַר / ליד און לעבן / פאַרלאַג ישראל=בוך, תל=אביב תשמ"ח — 1988.

דעמאָלט, אין די פערציקער יאָרן, האָט שוין געפלאַקערט די מחלוקת אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און קונסט איבער קלאָרקייט און ניט — קלאָרקייט, פאַרשטענדלעכקייט און אומפאַרשטענדלעכקייט. די מחלוקת — ווי באַוווּסט — האָט זיך איבערגעטראָגן אויף דער היגער ליטעראַריש — טומלדיקער יידישער גאַס אין ביידע שפּראַכן, יידיש און העברעיש; אין יידיש מער ווי אין העברעיש, וואָס האָט זיך בדרך — כלל, סיי אין אַמעריקע סיי אין ישראל, אָנגעהאַלטן ביים קלאָרן, קלאַסישן דרך ביז שפּעטערדיקע יאָרן.

דאָ קומען מיר צו משה שקליאַרס לידער — זאַמלונג "ליד און לעבן". דער נאָמען פון בוך פּאַסט זיך צום אינהאַלט, און האָט פּונקט אַזוי גוט געקענט אָנגערופן ווערן "איך און לעבן", ווייל דער דיכטער איז תמיד אין פּאָעטישן באַריר מיט אַלץ אַרום אים אין לעבן. ער איז קלאָר אין וואָרט און אין בילד וואָס ער מאָלט. ער זינגט פון געמיט צו געמיט און מאָלט פון אויג צו אויג. איר דאַרפט ניט קיין פירוש — רש"י צו זיינע רייד, ער איז ניט קיין חזן פאַר זיך אַליין, און איז ניט קיין מוזיקער־נזיר פאַר די —ביימער.

אין זיין שאַפן פילט זיך די השפעה פון די קריסטאַל — קלאָרע אברהם רייזען, מאַני לייב, פּאַפּירניקאָוו און אויך פון די רוסיש — יידישע פּאָעטן, די ברוטאַל אומגעבראַכטע.

קיין זאַך איז ניט אויסגעשלאָסן פון דיכטערס באַריר מיט דער וועלט: שלום — עליכמס טביה אין ישראלדיקן מדבר, די טויט — לאַגערן און "דאָס פייער ברענט נאָך" (אַ ווונק לעתיד...), זיינע עבר — זוכענישן אין שפּאַניע. אַפילו מיטן וואָיענדיקן ווינט ווייסט ניט דער דיכטער וואָס צו טאָן. ס'טוט אים ווי דעם ווינטס געוואָי, אפשר אים אַריינלאָזן כדי איינצושטילן?

משה שקליאַר שיינט אויך צו זיין אַ מאמין. ער בעט ביי גאָט ער זאָל אים אויסהיטן פון פאַרביטערונג "אויף זיך, אויף וועלט און דעם אַרום" (זייט 16); אַ תחינהדיקע תפילה וואָס אַ סך פון אונדז קענען מתפלל זיין צוזאַמען מיטן פּאָעט. צו דער זעלבער צייט וויל ער הערן אַן ענטפער פון גאָט אַליין:

איך רעד צו דיר/ נאָר קיין ענטפער איז נישטאָ/ אַ טיפער שווייגן/
אַפילו נישט/ אויף דער וואַנט / קיין צייכן". (זייט 96).

ער קען גרייכן גאָט בלויז אין דער מחשבה, אָבער דאָס איז ניט גענוג פאַר אים. דאָ רירט אָן דער דיכטער אַ ניט פאַרענטפערט טעאָלאָגעש פּראָבלעם. לויטן ביבלישן טעקסט, און ווי יידן גלייבן, האָבן געזען גאָט דורך פאַרשיידענע התגלותן און געהערט זיין שטימע נאָר משה רבינו 1), ישעיהו הנביא 2), יחזקאל 3), און די אַנדערע נביאים וואָס האָבן בלויז געהערט זיין שטימע.

פריער, פאַר זיי — ווי סע ווערט דערציילט אין חומש — האָט אברהם אבינו געפירט אַ דינגעניש מיטן כביכול איבער דער צאָל זקנים, וואָס אין זייער זכות זאָלן געראַטעוועט ווערן פון אונטערגאַנג סדום און די אַנדערע זינדיקע שטעט. נאָך משהן מיט די נביאים האָט קיינער ניט געזען גאָט אָדער געהערט זיין שטימע. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי איז איינע פון די גרונט — פראַגעס אין דער יידישער טעאָלאָגיע, וואָס זענען לעת — עתה ניט פאַרענטפערט געוואָרן, און קענען באַצייכנט ווערן מיטן טלמודישן "תיקו", וואָס מיינט: ניט פאַרענפערט, בלייבט אַ קשיא.

- - -

משה שקליאַר אין זיין נייעסטן בוך "ליד און לעבן" ברענגט אַרויס — אויף זיין פּאָעטישן שטייגער — זיין וועלט, וואָס איז די וועלט פון אַ סך פון אונדז. ער קאָמוניקירט מיטן לייענער אויף אַ קלאָרן אופן, צומאָל מיט אַ טרער, אָדער

אברהם ברוידעס

# שמואל איזבאַנס ניו=יאָרקער דערציילונגען אין העברעאיש

**(״מסיפורי ניו=יורק״ מאת שמואל איזבאן, תרגם: שמשון מֶלצֶר הוצאת — אחיאָסף, ירושלים — תל אביב)**

שמואל איזבאַן האָט אונדז צוגעטראָגן — אין צוגאָב צו זיינע פריערדיקע דריי ביכער אין העברעיש ״בית קארפ״,בבית הדין״ און ״המלכה איזבל״ — זיין נייעם בוך, וואָס אַנטהאלט 9 פון די ״ניו=יאָרקער דערציילונגען״, ארויסגעגעבן אין הוצאת אחיאָסף, ירושלים — תל אביב.

פון דעם לערנען מיר, אַז דער דערציילער איז פאַראַנקערט נישט נאָר אין איין שטח, ער האָט צאָלרייכע פייזאזשן און גרויס־פאַרנעמיקע טעמעס. זיינע דערציילונגען פירן תמיד צו אומגעריכטע פינאַלן און אין זייערע אַנטוויקלונגס — סטאַדיעס איז פאַראַן דער פאָקוס — פונקט פון איבערראַשונג.

שמואל איזבאַן צילט צו דערגרייכן טיפקייט, און עס געלינגט אים טאַקע אָן באַזונדערע גריבלעניש. ביים אָנהויב פון דער דערציילונג ״די שטאָט פון צאָרן״ הערט מען דעם אָפקלאנג פון דער שואָה — תקופה און אירע קאָשמארן. דער גורל פון די אומגעקומענע און די לעבן — געבליבענע סימבאָליזירן די הונדערט און זיבן געשטאַלטן פון די ״חלום — יידן״, אויפגעשטאַנענע פון די קברים נאָך דעם ווי זיי זיינען אומגעקומען מיט כל מיני מיתות משונות און ווילן ווידער אָנטאָן בלוט און פלייש און צוריקקריגן די לעבנס — געשטאַלט, וואָס דער נאַצישער תליון האָט ביי זיי צוגענומען.

אין אָנבליק פונעם שוידערלעכן חורבן איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש די לאַנדסמאַנשאפט — פאַרזאַמלונג אין דער שול, די שילדערונג פון דעם קהל און די גבאים, וועלכע זוכן מיטלען אָנצוזאַמלען אַ רעטונגס — פאָנד פאַר זייערע פאַרבליבענע ברידער. די דאָזיקע טרויעריקע פאַרזאַמלונג פאַרמאָגט אין זיך אויך דעם יסוד פון גראָטעסק און לעכערלעכקייט, וואָס מיר געפינען אינעם נוסח פונעם געזעלשאַפטלעכן זיין פון די קהילה יוצאי קויאַוועק. און אָט איז וויליאַם פינעטאַ, דער דאָקטאָר פון וויליאַמסבורג, געבוירן אַ ייד, אָבער איז אינגאַנצן גלייכגילטיק צו זיין אָפשטאַם, אַ מאָדנער מענטש אין זיין באַנעמונג, אָבער ער אנטפּלעקט זיך מיט זיין טיפער מענטשלעכקייט, מיט זיינע הומאַניטאַרע מעשים. ער באַצייכנט זיך אַליין אַלס אַ פריינד פון די פריינדלאָזע. ער ווידמעט זיין לעבן צו העלפן די נעגערס, די אָרעמע און די דערשלאָגענע, די וועלכע טראָגן אין זיך די שפלות פון לעבן.

ווי אַ ברוטאַלער אוניקום דערשיינט אויגוסט גייגער, דער האַרטער פרייס, דער טיפישער דייטש מיט זיינע פאַטריאָטישע אָנשויאונגען, איבערראַשנדיק און אַינטערעסאנט איז דאָס פלאַנירן דעם רויב פון פרעזידענט לינקאָלנס סקעלעט אין דער דערציילונג ״לינקאָלנס ביינער״.

---

הומאָריסטישן קנייטש, אָבער ער איז ניט שאַבלאָן, אָדער בדחניש. די שפּראַך זיינע איז פאָלקסטימלעך און געלייטערט.

״ליד און לעבן״ איז אַ וויכטיקע באַרייכערונג פון דער יידישער לעזבאַרער דיכטונג. ס'איז אַ בוך וואָס לייענט זיך מיט הנאה; אַ סך לידער — מיט טיפער איבערלעבונג...

דעם פּאָעט משה שקלאַר קומט אַ האַרציקער יישר — כח!

1) במדבר יב:8, 2) ישעיה ו:5, 3) יחזקאל א: 26

פאַרכאַפּנדיק איז דער טיפּ און כאַראַקטער פון מילטאָן באַטלער, וועלכער יאָגט זיך נאָך אייגנאַרטיקייט און גיט זיך אָפּ מיט זוכן דעם גליקלעכן צופאַל; עס פאַראינטערעסירט אונדז שטאַרק די אויסטערלישע געשיכטע פון דעם פּאַרוק פון ענגלישן מלוכה — הויז, די וואַנדערונגען פון דעם קנויל האָר, וואָס פאַרמאָגט אין זיך אַ מין כישוף — כוח, אַ מזל ברכה און קללה צוזאַמען.

דעם דערציילער איז געלונגען צו וועבן אַ היסטאָריע. אַ גאַנצע. די דאָזיקע דערציילונג איז בשעתו איבערגעזעצט געוואָרן אויף ענגליש און באַקומען אַ גלענצנדיקע אָפּשאַצונג אויך אין דער פּרעמדשפּראַכיקער פּרעסע.

כאַראַקטעריסטיש איז מייק פּעראַראַ, דער איטאַליענער, וועמען דער יידישער שוחט העלפט אויפקלערן די סיבה פון דער קראַנקהייט פון זיינע עופות מיט די רויטע פעדערן. ביז גאָר קינסטלעריש איז די שילדערונג פון אַלבערטאָ דע קאַרלאָס, וועלכער לעבט אַ טאָפּלט לעבן. אַ בעטלער בייטאָג און אַן אַריסטאָקראַט ביינאַכט; ווי ער גייט אַרום אויפן טעפּיך פון מזלות, וואָס ער האָט אויסגעוועבט אין די פאַרבאָרגענישן פון זיין וויזיע. און צום סוף קומען "די זעכצן יורשים" פונעם כינעזישן קוואַרטאַל, וועלכע ווילן נישט אויספירן דעם פאָטערס צוואה. דאָס איז אַן עקזאָטיש בילד מיט אַלע רעגנבויגן — קאָלירן. אין די דערציילונגען געפינען מיר אויך מאָדעלן פון דעם שיינעם מין, וואָס דער קינסטלער פירט אַדורך פאַר אונדז מיט עלעגאַנטער לייכטקייט. אָט איז די קאָקעטירנדיקע מרים, דעם כלל — טוער ברוך ווינטערס פרוי; און אָט איז ליידי פּאַטרישאַ די קאַרגע; די קלעפּטאָמאַנישע סוזי, און מאַדאַם פּאָמפּאַדור די "טרעפּערקע"; לוסי, די געליבטע פון טערענס מיולען, דעם אַוואַנטוריסט און געלט — פעלשער; דזשאָזעפינאַ און אירע קאַטשקעס אין מאַלבערי סטריט, און קאַרמען פּאָנטעז, די טענצערקע.

יעדע איינע פון זיי — אָנזעעוודיק און איינדרוקספול אין דער גייסטיקער געשטאַלטונג. שמואל איזבאַן איז באַשאָנקען מיט דער קינסטלערישער יכולת פון שילדערונג און פונעם בוי פון סוזשעט. ער ווייס אויך דעם סוד פון שאַפן די שפּאַנונג און צוציאונגס — קראַפט. אין מויל פון זיינע העלדן לייגט ער אריין אַ פליסיקע קערנדיקע שפּראַך, געמישט מיט עפּיגראַמען און גלייכווערטלעך און פאַראַן אין זיי איבערראַשנדיקע לשון — אויפבליצן.

אין זיינע דערציילונגען אַנטפּלעקט זיך אַן אויסגעשפּראָכענע נייגונג צו דעם מאַגיש — מיסטעריעזן. דער יוצא דופן און דאָס אויסטערלישע אין לעבן באַצייכענען די מערסטע פון זיינע רייכע טעמעס וועגן דער גרויסער קאָסמאָפּאָליטישער שטאָט. דאָ און דאָרט וויַיזט ער אַ צוזאַמענשטויס צווישן מענטשן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, גליק — זוכערס און יעגערס נאָך מזלות. יעדער פון זיי אין געראַנגל מיט זיינע נישט פאַרווירקלעכטע שטרעבונגען און באַגערן און האָפענונגען. יעדער איינער מיט זיינע אַנטוישונגען.

פאַראַן אין איזבאַנס דערציילונגען אַן אַטמאָספערע פון דראַמע און שפּיל און נייגעריקייט — זיי דערוועקן פאַרווונדערונג מיט דער אָריגינעלער דערציילערישער קראַפט.

שמואל איזבאַן האָט דאָ באַוויזן אַ חידוש פון אייגנטימלעכקייט און אַ חידוש פון אינהאַלט. מיט זיין אָבסערוואַציע — כוח האָט ער אַרומגענומען און באַלויכטן לעבנס — שיקזאַלן און לעבנס — פּראָבלעמען פון פאַרשיידנפאַרביקע שטאַמען און פעלקער אין דער ריזיקער און געדיכט — וואַלדיקער עיר רבתי ניו=יאָרק. עס דאַרף אויך פאַרצייכנט ווערן שמשון מעלצערס גלענצנדע איבערזעצונג פון די דערציילונגען פון דעם יידישן מקור אויף העברעיש.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

*יצחק קאָרן: "יידיש אין רומעניע", עסייען, 312 זז׳, פאַרלאַג "אבוקה", תל־אביב 1989. דאָס בוך איז פאַרזען מיט א פּאָרטרעט פון מחבר וועלכער איז דער פּאָרזיצער פונעם וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור.

* מ. צאַנין: "פון יענער זייט צייט", דערציילונגען, 220 זז׳, ישראל 1988. אין בוך קומען אַריין צען דערציילונגען פונעם מחבר פון דער גרויסער עפּאָפּייע "אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַ היים". דאָס בוך איז פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר.

* הדסה רובין: "איידערטאָג", לידער, 132 זז׳, פאַרלאַג ישראל — בוך, תל — אביב 1988. — דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע אָפּטיילן: פאַראייביקט; זיין אַ וואָרט צו זיי; ליכטעלעך אין טאָל; טעג ווי שטיינער; דאָס יינגעלע פון געטאָ.

* חיים פלאָטקין: "צעשטערנטע קלאַנגען", לידער, 198 זז׳, פאַרלאַג ישראל — בוך 1988, פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר, געצייכנט דורך נעמי קאַץ — פלאָטקין. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע אָפּטיילן: צום ווייטסטן ברעג; טירן און טויערן; אין טרערן געשוועמען; זוניקע פעדעם; צעוועקט אין זכרון.

* בנימין לובעלסקי: "ביים פאַרלאָשענעם פלאַם" (יציאות פּאָלקס — פוילן), 340 זז׳ י.ל. פרץ פאַרלאַג, תל — אביב 1989. פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר. דאָס זענען זכרונות פון אַן אַנטוישטן יידישן קאָמוניסט אַ געוועזענעם קעמפער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע בעתן שפּאַנישן בירגער — קריג, וועלכער האָט לסוף געפונען זיין היים אין מדינת ישראל.

* ישראל קאַפּלאַן: "צייטנטריט", דערציילונגען און דערמאָנונגען, 190 זז׳, ה. לייוויק פאַרלאַג, תל — אביב 1989, פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר. אינעם "וואָרט וועגן מחבר" מיט וועלכן דער ה. לייוויק פאַרלאַג באַגלייט דאָס בוך, זאָגט זיך צוו. אנד.: "...ישראל קאַפּלאַנס שאַפונג האָט דורכגעמאַכט אַלע עטאַפּן וואָס דער מחבר גופא. אין קאַפּלאַנס ביכער געפינען מיר די פאַרמלחמהדיקע ליטע, געטאָ, דעם קאַצעט, די״ די. פּי.״ — לאַגערן און דאָס פרומע ירושלים״...

* משה זאַלצמאַן: "מענטשן און געשעענישן", 160 זז׳, פאַרלאַג ישראל — בוך 1988, פאַרזען מיט אַ פּאָרטרעט פון מחבר, געצייכנט פונעם באַוווסטן קינסטלער יאַנקל מאַרקעל. אינעם פאָרוואָרט פונעם דיכטער יעקב צבי שאַרגעל זאָגט זיך צוו. אנד.: "...דאָס בוך וואָס ליגט איצט פאַר אונדז, איז אַ ווערק פון אַ שרייבער, וועמענס קליינע, איינגעצוימטע, פראַגמענטאַרע לעבן — באַשרייבונג, וואָס פאַרמאָגט נישט ווייניקער לעבן — באַשרייבונגען פון אַ גרויסן טייל פון די דורך אים דערמאָנטע פערזאָנען, וואַקסט אויס אין אונדזערע אויגן צו אַ בעלעטריסטיש ווערק מיט אַלע חן — פינטעלעך און חן — גריבעלעך״...

* וואָלף אַרצט: "יזכור", לידער, 184 זז׳, ניו — יאָרק 1989. אינעם בוך קומען אַריין עטלעכע און זיבעציק לידער, געשריבענע אין יידיש, און זייערע קעגנאיבערדיקע ענגלישע איבערזעצונגען. פאַראַן דעם מחברס "אַ וואָרט צו די לייענער" און אַ הקדמה פון דר. דוב מאַנדעלבוים.

* "די גאָלדענע קייט" נומ. 125 און נומ. 126. פערטליאָר — שריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. רעדאַקטאָר: אברהם סוצקעווער.

* "ירושלימער אַלמאַנאַך" נומ. 19. רעדאַקטאָר: יוסף קערלער.

*"ביי זיך" נומער 33־32. העפטן פאַר ליטעראַטור, קולטור און געזעל שאַפטלעכע פּראָבלעמען, תל־אביב, מערץ 1989. רעדאַקטאָר: יצחק יאַנאַסאָוויטש.

משה כהן

# צופרידן מיט די דערגרייכונגען

## יערלעכער באַריכט פון ל.אַ. יידישן קולטור־קלוב פאַר 1988/89

## צום שלוס־באַנקעט מוצאי־שבת, 3־טן יוני 1989

חשובע מיטגלידער און פריינד:

דער היינטיקער באַנקעט שליסט אָפּ דעם 63—סטן סעזאָן פונעם לאָס—אַנדזשעלעסער יידישן קולטור—קלוב. פון יעדן קוק—ווינקל זענען מיר צופרידן מיט די דערגרייכונגען דאָס יאָר. די צאָל מיטגלידער איז אַרום 130 — כמעט דאָס זעלבע ווי אין די לעצטע עטלעכע יאָר. אמת, עס פאַלן יידער אָפּ מיטגלידער צוליב ביאָלאָגישע סיבות, אָבער עס קומען אויך צו מענטשן וואָס האָבן ערשט "אַנטדעקט" דעם קלוב, אָדער האָבן אויסגעביטן אַ שבת—צונאַכט פאַרברענג אויף אַ קולטורעלן צוזאַמענקום. דער באַזוך אין קלוב איז אַ גוטער: דער סאַמע קלענצטער לעצטן יאָר איז געווען — 55 פּערזאָן; דער גרעסטער — 130. דער דורכשניט פאַר די עטלעכע דרייסיק וואָך — איין — וואָך — אויס פאַרזאַמלונגען איז געווען — 92. אָבער וויכטיקער פון דעם סטאַטיסטישן ציפער איז די משפּחה — סביבה וואָס דער קולטור — קלוב האָט געשאַפן, די יום — טובדיקע אַטמאָספער וואָס הערשט ביי די מיטגלידער, דער דרך — ארץ וואָס זיי ווייזן אַרויס פאַר דעם יידישן וואָרט און ליד און דער וואַרעמער אויפנעם וואָס זיי גיבן אונדזערע לעקטאָרן און אַרטיסטן.

פאַר מיר פּערזענלעך איז דאָס יאָר געווען אַ שווערס. די ביטערע מחלה האָט מיר נישט דערלויבט צו פירן דעם פאָרזיץ בעת יעדן אָוונט. איך בין צופרידן וואָס דער קלוב האָט נישט געליטן, ווייל די מערסטע פּראָגראַמען זענען צוגעגרייט געוואָרן מיט אַ פּאָר חדשים פריער, און די אַדמיניסטראַציע — ספּעציעל חבר יעקב שייפער, מיין רעכטע האַנט, האָט געזאָרגט אַז אַלץ זאָל דורכגיין גלאַטיק. און חבר צבי הירש האָט בכבודיק געפירט דעם פאָרזיץ. זיי ביידן — אַ יישר כוח און מיין פּערזענלעכער דאַנק!

מיר האָבן אין לאָס — אַנדזשעלעס אַ פיינע גרופּע לעקטאָרן וואָס באַשיינען אונדזערע אָוונטן. מנחם קאַרסאָן איז אויפגעטראָטן ביי צוויי אָוונטן — וועגן יהודה הלוי און ד"ר טעאָדאָר הערצל. לילקע מייזנערס דריי לעקציעס האָבן געדעקט: מענדל מאַן, מנחם באָריישא (צו זיין 40 — סטער יאָרצייט) און מרדכי געבירטיג. דער פּאָעט משה שקליאַר האָט גערעדט וועגן דעם שרייבער י.מ. ווייסנבערג. אויך אַן אינטערעסאַנטער אָוונט איז געווען דער אויפטריט פון דעם פּאָעט חיים שוואַרץ וועגן משה נאַדיר, בעת וועלכן משה כהן האָט אויסגעשפּילט איינע פון נאַדירס דערציילונגען. די אויפטריטן פון די אויבן דערמאָנטע לעקטאָרן זענען וואַרעם אויפגענומען געוואָרן און דער קלוב איז זיי דאַנקבאַר.

געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פאַרנעמען ביי אונדז, ווי שטענדיק, אַ חשובן פּלאַץ. אין נאָוועמבער 1988 האָט מנחם ראָזנזאַפט, נאַציאָנאַלער פּרעזידענט פון ציוניסטישן אַרבעטער — פאַרבאַנד (ניו — יאָרק) אַנאַליזירט פאַר אַ גרויסן עולם דעם אויסגאַנג פון די וואַלן אין מדינת ישראל. דעם זעלבן חודש האָט נתן גראָוויטש, געוו. פּרעזידענט פון לאָקאַלן אַרבעטער — רינג און אַ פּראָמינענטער מיטגליד פון דער יידישער פעדעראַציע, רעפערירט וועגן די וואַלן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דעצעמבער האָט עטל טעפּט, די דירעקטאָרין פון דער שטאָטישער "דזשואיש וואָקיישינעל גיידענס", גערעדט

וועגן די סאָציאַלע באַדינונגען וואָס די יידישע קהילה באַזאָרגט פאַר די נויטבאַדערפטיקע אין ל.א. בערנאַרד ווייסבערג, דירעקטאָר פון דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער פעדעראַציע, האָט אין יאַנואַר 1989 באַהאַנדלט דעם צוזאַמענשטעל פון דער נייער רעגירונג צען וואָכן נאָך די וואַלן אין ישראל.

**יומים — טובים און געדענק — טעג:** חנוכה איז געפייערט געוואָרן מיט אַ רעפעראַט פון שרה ליינער און געזאַנג פון דעם כאָר פון "אַמעריקענס פאַר פּראָגרעסיוו איזראַעל", דיריגירט פון ניצה נימאַן. אַ צווייטע לעקציע האָט שרה ליינער געהאַלטן ביי דער פייערונג פון חמשה עשר בשבט. מאָטל האַראָוויץ האָט פאָרגעלייענט ביים פסח — אָוונט. ריטאַ איגלפעלד האָט אויסגעפילט די מוזיקאַלישע פּראָגראַם. זייער איינדרוקפול איז געווען דער יום — השואה טרויער — אָוונט. נתן גראָוויטש האָט דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען אין אוישוויץ — לאַגער; יעקב לעווין האָט רעציטירט לידער פון אַ ריי פּאָעטן און דאָראָטי סאָלאָמאָן האָט אָנגעפירט מיט געזאַנג פון געטאָ — לידער. ביי דער יום — העצמאות — פייערונג האָט שרה ליינער רעפערירט וועגן דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. דער כאָר פון איי. פּי. איי.. דיריגירט פון ניצה נימאַן האָט געזונגען ישראלדיקע און יידישע לידער. ס'האָט אויך נישט געפעלט קיין ישראל — ווייַן און כיבוד ביי דער שמחה.

אָוונטן מיט פאָרלייענערס זענען פאָרגעקומען מיט באַשע וואַנאַמייקער, מאָטל האַראָוויץ און יעקב באַסנער פון לאָנג ביטש. אַ גאָר וויכטיקן אָנטייל אין אונדזערע פּראָגראַמען האָט היי — יאָר גענומען דער טאַלאַנטפולער אַקטיאָר און רעציטאַטאָר יעקב לעווין.

ספּעציעלע אָוונטן: דאָס דערשיינען פון נייע יידישע ביכער, ספּעציעל פון מיטגלידער פון אונדזער קולטור — קלוב איז געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס שמחה. דעם 16 — טן אָקטאָבער 1988 איז געפייערט געוואָרן די פּובליקאַציע פונעם בוך "טעג פון יום — טוב און זכרון" (י.ל. פּרץ פאַרלאַג) פון דער מלמדת שרה ליינער. ביי אַ געפּאַקטן זאַל זענען אויפגעטראָטן מיט אָפּשאַצונגען ד"ר מיכאַל סינגער, אַ וועטעראַן — לערער אין דער העברעישער מיטלשול, משה כהן און די מחברטע אַליין. אגב, דער פאַרקויף פונעם בוך האָט אַריינגעבראַכט אַרום 5 טויזנט דאָלאַר וואָס שמחה און שרה ליינער האָבן בייגעשטייערט צום "אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג".

דעם 14 — טן יאַנואַר האָבן מיר מיט דער מיטהילף פון זיין זון אַראַנזשירט אַ זוסמאַן בונין אָוונט. בונין איז געווען איינער פון די ערשטע סעקרעטאַרן און מיטאַרבעטער פון דעם זשורנאַל "חשבון" בים קולטור — קלוב. אַ גרויסן איינדרוק האָט געמאַכט דער פּאָעט חיים שוואַרץ, מחבר פון עטלעכע בענד לידער, מיט זיין ערשטן אויפטריט ביי אונדז אין קלוב. ער האָט רעפערירט וועגן לעבן און שאַפן פון זוסמאַן בונין ע"ה. דער זון סטענלי בונין, אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, פּרינציפּאַל פון אַ רעגירונג — שול, האָט אין אַ פיינעם יידיש איבערגעגעבן אינטערעסאַנטע דערינערונגען וועגן זיין פאָטער. משה כהן האָט רעציטירט אַ צאָל בונינס לידער און איזאַבעל קעץ האָט צוגעגרייט אַ ספּעציעלן פּראָגראַם פון געזאַנג — לידער וואָס זענען געווען באַליבט דורך בונינען.

ס'וועט אויך לאַנג פאַרבלייבן אין זכרון דער אָוונט פון 1 — טן אַפּריל 1989 לכבוד דעם אַכטן באַנד לידער פון משה שקליאַר וואָס טראָגט דעם נאָמען "ליד און לעבן". דער הויפּט — רעדנער איז געווען פּראָפעסאָר מאַרווין צוקערמאַן. ער האָט געגעבן אַ פיינעם איבערזיכט פון דעם בוך און פאָרגעלייענט אַ צאָל לידער. אַ גאָר וואַרעמע באַגריסונג־רעדע האָט געהאַלטן די פיינע ליטעראַטור — קענערין לילקע מייזנער. עס האָט אויך צוגעשיקט אַ באַגריסונג — עסיי דער דיכטער און לעקטאָר ישראל גובקין, וועלכער האָט זיך נישט געקאָנט באַטייליקן אינעם אָוונט צוליב זיין קראַנקהייט. דער מחבר, משה

שקליאַר, וואָס איז אויך דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל "חשבון", האָט באַדאַנקט דער אָנפירונג און די מיטגלידער פון קלוב פאַר דעם כבוד וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן. דעם פּראָגראַם האָט פאַרענדיקט פּסח מאַלאַוויטש, דער פיינער פּיאַנאָ — קינסטלער מיט אַ צאָל קלאַסישע און יידישע פאָלקס — לידער.

זינגער און שפּילער: דורכן סעזאָן זענען אויפגעטראָטן ביי פאַרשיידענע אָוונטן די סאָליסטן ריסאַ איגלפעלד, איזאַבעל קעץ, ניצה נימאַן און ליליאַן ווילק, ווי אויך דער פידל — קינסטלער ראָמאַן צינמאַן, דער טשעליסט אַלעקסאַנדער רובינשטיין און די פּיאַניסטן רעגינאַ ראָטמאַן און מאַיאַ.

אַ שטאַרקן איינדרוק האָבן געמאַכט די קאָנצערטן דעם 12 — טן פעברואַר און 29 — סטן אַפּריל פונעם אַמעריקאַנער יידישן סימפאָנישן כאָר וואָס באַשטייט פון אַרום 30 מענער און פרויען און ווערט דיריגירט פון נאָרין גרין.

געסט פון ישראל און פון ניו — יאָרק: אויך היינטיקס יאָר האָבן געסט פון ישראל און ניו — יאָרק באַשיינט אונדזערע קולטור — פּראָגראַמען. מיט דער קאָאָפּעראַציע פון דעם היגן "איקוף", פון וועלכן חיים שוואַרץ איז פּאָרזיצער, האָט דער קלוב איינגעאָרדנט צוויי לעקציעס פון איטשע גאָלדבערג, רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל "יידישע קולטור". מוצאי שבת דעם 28 — סטן יאַנואַר האָט אַ. גאָלדבערג רעפערירט א.ד.ט. "אליעזר שטיינבאַרג — דער פאַבל — מייסטער פון דער יידישער ליטעראַטור", און זונטיק פרי, דעם 29 — סטן יאַנואַר, וועגן "יידיש — די לאַנדשאַפט פון אונדזער נשמה". די לעקציעס זענען אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג.

דעם 9 — טן פעברואַר האָט די פיינע אַקטריסע חיהלע אַש רעפערירט וועגן "שלום עליכם — דער דראַמאַטורג און זיין איינפלוס אויף דעם יידישן אַקטיאָר. ד"ר עמנואל גאָלדשמידט דער חשובער פּראָפעסאָר פון קווינס — קאָלעדזש, ניו — יאָרק, איז אין חודש מערץ אויפגעטראָטן מיט אַן אינהאַלטרייכער לעקציע וועגן דעם ישראל — דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָוו, צו דער געלעגנהייט פון זיין 90 — סטן געבוירן — יאָר. דער אינטערנאַציאָנאַל באַרימטער פּראָפעסאָר פון פאָלקלאָר ביים העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, ד"ר דוב נוי, האָט געהאַלטן ביי אונדז צוויי לעקציעס: דעם 25 — סטן מערץ וועגן "עטנישע גרופּן ביי יידן", און דעם 8 — טן אַפּריל — "דאָס ציגעלע אין יידישן פאָלקלאָר".

די אויבן דערמאָנטע געסט האָבן באַרייכערט און באַשיינט די טעטיקייט פונעם קלוב.

אַ וואָרט וועגן דעם זשורנאַל וואָס דער קלוב גיט אַרויס — "חשבון". אַחוץ די יידישע פּובליקאַציעס אין ניו — יאָרק איז דער "חשבון" דער אַנגעזעענסטער זשורנאַל אין אַמעריקע. די לייטונג פון "חשבון" איז אין די הענט פון דעם געטרייען אַדמיניסטראַטאָר גרשון פרידמאַן, און דער הויפּט — רעדאַקטאָר איז דער באַוווּסטער פּאָעט משה שקליאַר. תחזקנה ידיכם — זאָלן אייערע הענט, משה און גרשון, געשטאַרקט ווערן.

זייט יוני 1988 זענען אַוועק פון אונדז אויפן עולם האמת אַ צאָל חברים. מיט כבוד דערמאָנען מיר זייערע נעמען און בייגן אונדזערע קעפּ: לעאָן גאָלדבערג, סערגיי נאָטקעוויטש, אלימלך דייטש און דוד גאָרנשטיין.

דער אָפּשלוס — אָוונט און באַנקעט לעצטן יאָר, דעם 12 — טן יוני 1988, האָט געשאַפן פאַרן קלוב, צוזאַמען מיט שפּעטערע באַשטייערונגען, אַריבער 5000 דאָלאַר. דער שטייער — אָפּצאָל און די איינטריט — געלטער פון נישט מיטגלידער האָבן אונדז דערמעגלעכט צו דעקן דעם יערלעכן בודזשעט פון אַרום 12 טויזנט דאָלאַר. דעריבער האָט די אַדמיניסטראַציע זיך קאָנצענטרירט דער עיקר אויף אָנהאַלטן דעם הויכן ניוואָ פון די פּראָגראַמען.

# שמואל ווייס ז״ל

דינסטיק, דעם 25־סטן יולי ד.י., איז אין עלטער פון 91 יאָר אַוועק אין דער אייביקייט דער לאַנגיאָריקער מיטרעדאַקטאָר פון ״חשבון״, באַוווסטער זשורנאַליסט און געזעלשאַפטלעכער טוער שמואל ווייס.

געבוירן אין פּילעוו, פּוילן, האָט שמואל ווייס זינט זיינע ייִנגסטע יאָרן זיך געווידמעט דעם קאַמף פאַר אַ בעסערער און שענערער וועלט, געווען אַקטיוו אין דער אַרבעטער — באַוועגונג, מיט וואָרט און טאַט געהאָלפן נויטבאַדערפטיקע. גאָר אַ סך האָט ער אויפגעטאָן אויף דעם געביט גלייך נאָך דער צווייטער וועלט — מלחמה און דעם ייִדישן חורבן אין אייראָפּע, העלפנדיק דער שארית הפליטה קומען צו זיך און איינאָרדענען זיך אין אַמעריקע.

שמואל ווייס האָט פאַרנומען אָנפירנדיקע פּאָזיציעס אינעם אַרבעטער — רינג אין ניו — יאָרק און לאָס — אַנדזשעלעס, געווען אַ קאָרעספּאָנדענט פון ״פאָרווערטס״, ״דער וועקער״ און אַנדערע ייִדישע צייטשריפטן. ער איז אויך געווען אַקטיוו אין לאָס — אַנדזשעלעסער ייִדישן קולטור — קלוב.

אַדאַנק זיין האַרציקער באַציונג צו מענטשן איז שמואל ווייס געווען באַליבט ביי יעדן איינעם וואָס איז געקומען מיט אים אין באַרירונג. ער וועט אונדז אַלעמען שטאַרק אויספעלן. **כבוד זיין אנדענק!**

זיין לאַנגיאָריקער לעבנס — באַגלייטערין פלאָרא ווייס דריקן מיר אויס אונדזער טיפסטן מיטגעפיל.

**רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג**

**פון ״חשבון״**

---

ווי דער פּרעזידענט פון קלוב דריק איך אויס מיין דאַנק צו די מיטגלידער פון דער אַדמיניסטראַציע וואָס באַשטייט פון: יעקב שייפער, פינאַנץ — סעקרעטאַר; רחל סלוצקי — פּראָטאָקאָל — סעקרעטאַר; און די מיטגלידער: צבי הירש, אסתר ליפשיץ, סימאַ לעפקאָוויץ, מענדל סלוצקי, בעלאַ פּאָזי, גרשון פרידמאַן און נאָרמאַן קערין. איך שאַץ אָפּ די קאָאָפּעראַציע פונעם פּרעזידענט פון ״אינסטיטוט פאַר ייִדישער דערציונג״ חבר נאָרמאַן קערין און זיין סעקרעטאַרין רעגינאַ יפה. אַ באַזונדערן דאַנק דער אַדמיניסטראַטיווער סעקרעטאַרין פון ״ציוניסטישן אַרבעטער — פאַרבאַנד״ — — ביטריס מאַי. און אחרון אחרון חביב, אַ יישר כוח לאָטי קרעמער פאַר פּובליקירן די אַקטיוויטעטן פונעם קלוב אין דער היגער אַנגלאָ — ייִדישער פּרעסע.

לסוף, אַ פּערזענלעכע באַמערקונג. דורך דער צייט פון מיין קראַנקהייט האָבן מיר, אסתר און איך, באַקומען צענדליקער רפואה — קאַרטלעך, טעלעפאָן רופן און אַ מאַסע גוטע ווונטשן וואָס האָבן אונדז געשטאַרקט. הלוואי זאָלן זיי מקוים ווערן. מירביידע דאַנקען אייך פאַר אייער סענסיטיוקייט, מיטגעפיל און ברכות.

# "יידישלאַנד"

צום ערשטן מאָל היינטיקס יאָר האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם יערלעכן יידישן פעסטיוואַל אין לאָס—אַנדזשעלעס איינגעלאַדן צום באַטייליקן זיך אין אים די אָרגאַניזאַציעס וואָס פירן זייער אַרבעט אין יידיש. דער פעסטיוואַל געווידמעט 41 יאָר מדינת ישראל איז פאָרגעקומען דעם 4—טן יוני אין "ראַנטשאָ—פאַרק".

געווייינטלעך באַטייליקן זיך אינעם פעסטיוואַל יידישע אָרגאַניזאַציעס וואָס פירן זייער טעטיקייט אין דער ענגלישער שפּראַך, דעריבער איז דאָס איינלאַדן אונדזערע אָרגאַניזאַציעס געווען אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג. עס איז גלייך געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט אין וועלכן עס זענען דעלעגירט געוואָרן פאָרשטייער פון: אַרבעטער—רינג; לאָס—אַנדזשעלעסער יידישער קולטור—קלוב, ייוו"אָ; שלום—אינסטיטוט פאַר דערציונג; "בוך—צענטער" און די אָרגאַניזאַציע "פריידל" וואָס נעמט אַרום טעטיקע יידיש—גרופּן.

דער קאָמיטעט האָט זיך געווענדט וועגן מיטאָנטייל צו אייניקע קינסטלערס. און זינגעסאָון האָט באַקומען אַ זייער פּאָזיטיוון אָפּרוף. אויך האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן אָנצורופן דעם צוגעטיילטן אים שטח אויפן פעסטיוואַל "יידישלאַנד".

זונטיק, דעם 4—טן יוני האָבן זיך אַלע צוגעשטעלט און דורכגעפירט אַ זייער אינהאַלטרייכן פּראָגראַם אויף יידיש פון 11 אין דערפרי ביז 4 נאָך מיטאָג. עס האָבן אָנטייל גענומען: אַרטשי באַרקאַן — "טאָסטמאַסטער"; ריסאַ איגלפעלד — פאָלקס—זינגערין; יעקב באַסנער — פאָרלייענער; העגרי איילבערט — הומאָריסט און מעשה—דערציילער; סידני און עטל וויינשטיין, אידיט גודמאַן און אָסקאַר ברייניך פונעם דראַמקרייז ביי דעם קולטור—קלוב אין אָראַנזש—געגנט; באָריס און אהרון — מוזיקער פון "עליס איילענד בענד"; חיים שוואַרץ — פּאָעט און פאָרלייענער; אברהם סלוצקי — פאָלקס—זינגער און דער כאָר פון שלום—אינסטיטוט פאַר דערציונג.

ביי אונדזערע סטענדן זענען פאַרטיילט געוואָרן זשורנאַלן און בולעטינען פון די באַטייליקטע אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך אַ גרעסערע צאָל עקזעמפּליאַרן "חשבון". אַ צאָל מענטשן זענען געוואָרן אַבאָנענטן און מיטגלידער אין די אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין "יידישלאַנד".

אין משך פון טאָג האָבן אונדז באַזוכט די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם פעסטיוואַל און אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג פאַר "יידישלאַנד".

בכלל איז געווען לעבעדיק און פריילעך. דער עולם האָט מיטגעזונגען מיט די זינגערס און הייס אַפּלאָדירט די מוזיקערס און פאָרלייענערס. עס קומט אָנערקענונג די מיטגלידער פון ל.א. יידישן קולטור—קלוב און אַרבעטער—רינג, וועלכע האָבן אַ גאַנצן טאָג אַרויסגעהאָלפן אין דעם יידישן אָפּטייל. אַ גאָר ספּעציעלן דאַנק און אָנערקענונג קומט מעריאַן הערבסט, העגרי סלוצקי און אַרטשי באַרקאַן פאַר זייער איבערגעגעבענער מי און ביישטייער צום דערפאָלג פון "יידישלאַנד".

**מ.ס.**

## „װידערװוּקס" — אין אַ גוטער שעה!

די שאַפונגען פון צוואַנציק יונגע ייִדישע שרײַבערס קען מען לייענען אינעם זאַמלבוך װידערװוּקס: אַ נײַער דור ייִדישע שרײַבערס װאָס איז נאָר װאָס אַרויס פון דרוק. דער זאַמלבוך נעמט אַרײַן לידער, דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן און עסיין פון די נײַע שרײַבערס װאָס װעלן אַרײַנטראָגן דאָס ייִדישע װאָרט אין קומעדיקן יאָרהונדערט אַרײַן. ס'רוב באַטייליקטע אין **װידערװוּקס** זענען געבוירן געװאָרן נאָכן חורבן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, אַרגענטינע, ענגלאַנד, פּוילן, ראַטן — פֿאַרבאַנד און ישׂראל. אָט דער זאַמלבוך, דער ערשטער בשותּפותדיקער אַרויסטריט פונעם ייִנגסטן דור ייִדיש — שרײַבערס, איז אַרויסגעגעבן געװאָרן פון דער ייִדיש — ליגע, יוגנטרוף — ייִדישע יוגנט פאַר ייִדיש און דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור — קאָנגרעס. פּאַרטראָטן אין דעם באַנד זענען: חנה — פייגל אייבראַהאַם, לייבל באָטװיניק, איציק גאָטעסמאַן, הערשל גלעזער, לאה ליפּסקי, פּסח מאַלעוױטש, דניאל מאַרלין, אסתּר מיר, אַברהם נאָװערשטערן, י. ניבאָרסקי, דוד — אליהו פישמאַן, מיכאל פעלזענבאַום, שבע צוקער, צבי קאַנאַר, לאה ראָבינסאָן, דוד — הירש ראָסקעס, רבקה מרים, מרים שמולעוויטש — האָפמאַן, גיטל שעכטער — װישװאַנאַט און שׂרה — רחל שעכטער. בײַם צונויפשטעלן און רעדאַקטירן דעם זאַמלבוך האָבן געאַרבעט פּראָפ יודזשין אָרענשטיין, ביילע גאָטעסמאַן, הערשל גלעזער, ד"ר אַברהם נאָװערשטערן, משה שטיינגאַרט און ד"ר מרדכי שעכטער.

װידערװוּקס האַלט 367 זײַטלעך און איז צום טייל אילוסטרירט. סײַ לויטן אויסזען און סײַ לויטן תּוכן איז ער אַ פּראַכטיקער באַװײַז פון דער ייִדיש — שאַפערישקייט פון די הײַנטיקע און מאָרגעדיקע ייִדיש — שרײַבערס.

מע קען װידערװוּקס קויפן צווישן האַרטע טאָװלען פאַר 25 אַמעריקאַנער דאָלאַר און צווישן װייכע טאָװלען פאַר 18 אַמעריקאַנער דאָלאַר, פּלוס 2 דאָלאַר פאַרן איבערשיקן אין אַמעריקע, און 3 דאָלאַר פאַרן איבערשיקן אין אַנדערע לענדער. **װידערװוּקס** איז אויכעט אַ פײַנע מתּנה פאַר אַלע ליבהאָבערס פון מאַמע — לשון, איז אויב מע קויפט פינעף אָדער מער עקזעמפּלאַרן, באַקומט מען אַ הנחה פון 3 דאָלאַר פאַר יעדן געקויפטן בוך. שיקט אײַער טשעק אָדער געלטאָנװײַז צו Yugntruf אָדער League for Yiddish בײדע אויפן אַדרעס:

200 West 72nd St.,/40, New–York, N.Y.10023

**ZADOK TYPESETTING**
*& PRINTING*

- HEBREW & ENGLISH TYPESETTING
- WEDDING & BAR-MITZVAH INVITATIONS
- BOOKS, BROCHURES & BIRCHAT-HAMAZON

561 N. SWEETZER AV.
LOS ANGELES, CA 90048

**(213) 651-2657**

# א הסתדרות אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

## ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן) און
- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:
הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט״־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס״־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

**זייט איר פאַראינטערעסירט...**

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט פונדאַציע.

ריכטער סעם ס. שוואַרץ, ערן־פרעז. הערבערט ראָטמאַן, פּרעזידענט
אברהם פרענק, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר

שנײדט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Suite 402 • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 658-6334

**APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement**

To be issued to............................................................

Address....................................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $.........................................................

Date........................Signature of Applicant......................................

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

## לאָס אַנדזשעלעסער
## יידישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם.

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

דער דיסטריקט קאָמיטעט פון

## אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות
צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל
מקום שהם.
לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום
צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי
אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

# THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035 • (213) 552-2035

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**



## ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד
## יידיש צווייג

הערי הירש — פרעזידענט

נאָרמאַן קאַרין — אסאָסיִעטעט־פרעזידענט

מרדכי בן־דוד — וויצע־פרעזידענט

לעאַ ראָזענבלאַט — וויצע־פרעזידענט

בערטאַ קאַרין — פינאַנץ־סעקרעטאַר

---

יום־טובדיקע גרוסן און ווּנטשן פון דער קליינער צאָל יידן אויפן אינדזל גוואַם, אין פּאַציפּיק — צו די שרייבער, אַדמיניסטראַציע און לייענער פון "חשבון". זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין ביים פאַרשפרייטן און פּאָפּולאַריזירן די קולטור־אוצרות אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע אין יידיש לשון.

שעלבי שאַפּיראָ
אַגאַניאַ, גוואַם

---

דרורה קלוב נעמת
ליובאַ שלאַפמאַן — פרעזידענט
פריידל טראָפּימאָוו — וויצע־פרעז.
פרימע גאָרענשטיין — וויצע־פרעז.
בערטאַ קאָרין — פינאַנץ־סעקר.
רעגינאַ שידלער־קאַסירער

אין ליכטיקן אָנדענק
פון אונדזער אומפאַרגעסלעכער
פרוי,
און מוטער
רחל קליינבאַרד
בען, דזשעי, מייראָן און משפחה

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

א געזונט ניי־יאָר צו מיינע פריינד, אין אָנדענק פון מיין מאַן משה
אייזענמאַן ע״ה

רבקה אייזענמאַן און פאַמיליע

---

אָמאַן — סאָניע

---

ד״ר בענסאָן און דאַננאַ שייפער, פּאָרטלאַנד, אָרעג.

---

גערשאָוויטש — לודמילאַ און נתן

---

הירש — צבי, טובה און אילײַ

אַ רפואה שלימה צו משה כהן און גרשון פרידמאַן

---

וואַנאַמייקער — באַשע און משפחה

---

ווייס — פלאָרענס, אין אָנדענק פון מיין ליבן מאַן שמואל
ווייס ע״ה

---

ווייס — יודזשין

---

זייף — צפורה און אליעזר

---

ד״ר זשאַנעט האַדאַ

---

טאָלטשינסקי שרה

---

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

**ירושלמי (יערוזאלימסקי) ראָזאַ, גרשון און משפחה, אַנאַהיים, קאַליפ.**

---

**לאַנצמאַן — בערנאַרד**

---

**לובין דוד**

---

**ליבערמאַן — געלבאַרד, רבקה און אברהם, פאַר אַ גיכער רפואה שלימה פון גרשון פרידמאַן**

---

**ליינער — שרה, שמחה און משפחה**

---

**לעווין — רעגינאַ און משפחה**

---

**מייפער — ווערא און טשאַרלז**

---

**אונדערע טייערע פריינד**
**פריידל און יאַנקל אַנגעלטשיק (ענזשעליק)**

**אין אָדענקור, פראַנקרייך**
**ווינטשן מיר אַ געזונט, קליקלעך יאָר**
**און רפואה שלימה פאַר פריידעלען.**

מענדל און רחל סלוצקי, גרשון און חיה פרידמאַן

**יידישע חבורה**
**אין פאַסיפיק פאַליסיידס**
**ה.מ. סקולסקי — פאָרזיצער**

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

ניומען — דאַני, לזכר ולכבוד דינה האַלפּערן ע״ה

---

ד״ר און מרס ברוך פישמאַן

---

פלאָטקין — חיים און פאַמיליע

---

סימע קאַרפּ — לעפקאָוויץ

---

קאפּלאַן — רחל און דוד

---

קאַרסאָן — מנחם

---

רוהמאַן — חנה

---

שאַרף — עלסי, לאָרי און משפחה

---

שוואַרץ — רענעי (רחל), אין אָנדענק פון מיין מאַן שלמה ע״ה

---

שלאָסער — נעכע, אין אָנדענק פון מיין מאַן זלמן ע״ה

---

ד״ר און מרס הערשל בורסטאַן

---

בלושטיין — שרה, נחום און זין

---

גאָלדמאַן — האָדל און משפחה, אין אָנדענק פון מיין טייערן מאַן דוד

---

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

גאָרפיין — רחל און מאַניע

---

גיבערמאַן — אסתר, אין אָנדענק פון מיין טייערן מאַן יצחק ע״ה

---

הענלי — מאַשע

---

וואָדס — חנה און בנימין

---

זילבערצווייג — צילע און משפחה, אין אָנדענק פון מיין טייערן מאַן זלמן ע״ה

---

טאַובער — סאַלי און בעריש

---

לאַקס — לאה, יוסף און משפחה, קאַסטרא וואלי, קאַליפ.

---

מלאך — קרעמער, לאָטי

---

מעלאַמעדאָוויטש — פייגל און יצחק, איל.

---

עלבערג — יהודה, מאָנטרעאַל, קאַנאַדע

---

פאוסט — אידעס און משפחה

---

קאָטליאַר — זשעניא, משה און משפחה

---

קאַרין — בערטאַ און נאָרמאַן

---

ראָזנבלאַט — עטל און לייב

---

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

ראָנטש — מרים, אין אָנדענק פון מיין טייערן מאַן יצחק אלחנן ע״ה

---

שוואַרץ — דאָרא און משפחה

---

שייפער — דאָרא און יעקב

---

שלאַפמאַן — ליובע און משפחה, אין אָנדענק פון מיין טייערן מאַן גמליאל ע״ה

---

שעפס — חנה און שמעון

---

אוורוטין — רעי
בן־דוד — חנה און מרדכי
בוירמאַן געניא
ברעסלער און מרס אוירווינג
גאָרענשטיין — פרומא, אין אָנדענק פון מיין מאַן דוד
גובקין — ישראל און משפחה
גורעצקי — סילוויאַ און משפחה
גיבערמאַן — אסתר
האַלבערט — מינא
האָראָוויץ — מאָטל און עוועלין,
אין כבוד אונדזער טאָכטער לינדאַ, דיריגענט פון איידעלבערגער אָפּערע, דייטשלאַנד

הירש — מאָריס
הענדעל — הענאַ און שלמה
הערבסט — טשאַרנע און גרשון
הערבסט — מרים און הערשל
וועלטמאַן — פראַניע און משפחה
וואַסערמאַן — סולאַ
זאַללען — ריטשאַרד
זשוק — סאַבינע און חיים
זימער — איידאַ
כהן — אסתר און משה
ליפשיץ אסתר
לעבאָוויצקי — דוואָשע און אהרן
מייזנער — לילקע און שלמה
נאַטאַנזאָן — דאָראָטי און לייב
פּאַדוואַ — נחמה, אַ רפואה שלימה צו מיין מאַן אשר

**שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט**

ד״ר פּאַרעל (פּאָגאַרעלסקי) חיים און פרוי

פּאַסטערנאַק — מאיר און סאָניע, האָליוווד, פלאָרידאַ

פּאָזי — בעלא, אין אָנדענק פון מיין מאַן אריה ע״ה

פּאַנטיין — דזשין און אירווינג

פלאָם — גילה, וואַשינגטאָן

פעלנער — מאראקא, פייגע און משה

פרידמאַן — חיה און גרשון

פרידמאַן — סאָפי און אברהם

פרידמאַן — שרה און משה, סאַוטפילד, מיש.

סאַלטאַנאָוו — קניה און פאַליק

סאַפּיאַן — העלען און שמחה

סאָסקי — העלען און יוסף

סילבער — אַדעל און יצחק

סלוצקי — יעווגעניאַ און אברהם

סלוצקי — רחל און מענדל

צוקערמאַן — קאַטרין און מאַרווין

קאַטש — ראָמאַ

קאָקאַנאַט — קריק, פלאָרידאַ

קאָרן — יוסף

קוטין — רחל און צבי

ראָזענבלאַט — עטל און לייב

ראָטבלום — זהבה און יצחק

ראָטמאַן — רעגינא און לואי

רייך — שיינדל, פּנחס און אבי

ד״ר שאַו — מעני און מלכה

ד״ר שוגאַר — קאַרל

שטיינמאַן — נתן

שטראַסבורגער — פלאָרענס און משה

שידלער — רעגינאַ און חיים

שנור — פייאינא יוסף און משפּחה

שקליאַר — דבורה און משה

אלפּער — מאַקס און משפּחה

באַסנער — יעקב

בייראַק — דאָרע

גאַלינאַ סאָניע און משפּחה

גילינסקי — ליובאַ

דזשעריק — בלומע

ווייט — דזשעני און דוד

ווײַנשטיין רחל און אליעזר

מאַלעוויטש — פּנחס

פּערטשוק — טערעסא און חיים